# לעבנס-פראגן

סאציאליסטישע חודש־שריפט פאר פאליטיק, ווירטשאפט און קולטור

תל-אביב, אפריל-מאי 1957 | 69-68 | זיבעטער יארגאנג | פרייז 300 פר׳


## אינהאַלט:


**י. סאַמטער** — נאָך דער סיני־אַקציע / **ד. מערלין** — די אײַזנהויער־דאָקטרין און דער מיטעלער מזרח / **א. כרמי** — די לעקציעס פון פאַטריאָטיזם / **י. באכט** — אַקטועלע נאָטיצן / פראַנקרייך און ישראל / **י. אַרטוסקי** — דער דערנער־וועג צום סאָציאַליזם / **י. אייכען** — דער מאָרד איבער קאַסטנערן / **נחמן ראַפּפּ** — אַהיים / **בן־יעקב** — אגב אורחא / **ייד אלעף** — וואָס ווילן די יידישע אַנאַרכיסטן / **זלמן קאַפּלאַן** — די ווידוי פון אַ נאַצי־פאַרברעכער / **משה זהבי** — תל־אביבער בילדלעך / **מרדכי יפה** — אויף קידוש השם / **אברהם לעוו** — דאָס הויז פון די ליאַלקעס / **לייוויק האַדעס** — **גבריאל ווייסמאַן** — „פון חדר און „שקאָלעס" ביז צישאָ" / פון אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן / אין אָנדענק פון די אומגעקומענע / א.אנד.


# 1943 ניינצנטער אפריל 1957

## לאמיר געדענקען דעם 19־טן אפרילו

ס׳איז דער טאָג ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער טראַגיש־העראָאישער געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע; ווען די קליינע מחנה שוואַך־באַוואָפנטע געטאָ־קעמפער זענען אַרויס אין אַן אָפענער מלחמה קעגן דער מעכטיקער היטלערישער אַרמיי.

דער טאָג פון 19טן אַפּריל איז אויסגעוואָקסן צו אַ סימבאָל. ס׳איז דער געדענק־טאָג נאָך די אומגעקומענע, אין הונגער פאַרפייניקטע, דערמאָרדעטע, געשאָכטענע, פאַרגאַזטע און פאַרברענטע זעקס מיליאָן יידן.

**ס׳איז דער געדענק-טאג נאך די מארטירער און קדושים, וועלכע האבן געקעמפט און געראנגלט זיך קעגן שונא אין אַלע געטאָס און פארטיזאנער גרופן אין אלע שטעט, שטעטלעך און וועלדער. ס׳איז דער יאָרצייט נאך אונזערע נאענטסטע, נאך אונזערע פרויען, מענער און קינדער, טאטעס און מאמעס, שוועסטער און ברידער, וועלכע זענען אומגעקומען אין די פינצטערע אָקופּאַציע-יארן אין די געטאס און קאנצענטראציע-לאגערן און מיר ווייסן נישט דעם טאג פון זייער אומקום.**

ס׳איז אונזער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער טרויער־טאָג נאָכן חורבן, וואָס עס האָט געטראָפן אונזער פאָלק.

## לאמיר געדענקען דעם 19טן אפריל!

לאָמיר אין דעם טאָג ביחידות און געמיינזאַם פאַרייניקן אונזערע הערצער מיט אַלע, וואָס זענען אַוועק פון אונז אין יענע גרויזאַמע טעג.

**לאמיר אנצינדן אין דעם טאג זעקס ליכט, לכבוד דעם אָנדענק פון די 6 מיליאנען יידן.**

און מיר וועלן אין דעם טאָג פון 19טן אַפּריל באַערן דעם אָנדענק פון די געטאָ־קעמפער, וועלכע האָבן מיט זייער אָפענער מרידה קעגן שונא געבראַכט כבוד אונזער פאָלק.

**און צווישן אלע פארהייליקטע נעמען וועלן מיר אויך דערמאנען דעם נאָמען פון חבר ארטור זיגלבוים, וועלכער האט אין ווייטן לאנדאן פאראייניקט זיין נשמה מיט די אומגעבראכטע יידן.**

און מיר וועלן פאַרשעלטן מיט דער ביטערסטער קללה די נאַציסטישע מערדער, וועלכע האָבן מיט זייער בעסטיאַלישן טאָט פאַרשמוצט און געשענדעט דעם נאָמען מענטש.

און מיט אונזער גאַנצער ביטערניש וועלן מיר שטעמפּלען די, וואָס ווילן מאַכן פאַרגעסן די נאַצישע גרוילטאַטן.

און מיר וועלן אונזער שאַרפסטן פּראָטעסט אויסדריקן קעגן די, וואָס שטעלן צוריק אויף אַ דייטשע אַרמיי און שטעלן ווידער אַוועק אין זייער שפּיץ די בלוטיקע נאַצישע גענעראַלן.

און מיט פאַרקריצטע ציין וועלן מיר אויסדריקן אונזער עמפּערונג קעגן באַשטימען דעם נאַצישן גענעראַל פאָן שפּיידל אַלס דעם פירער פון די באַוואָפנטע כוחות פון צפון־אַטלאַנטישן פּאַקט.

ס׳איז אַ שאַנדע, אַז ער זאָל עס זיין דער באַשיצער פון דער מערב־ציוויליזאַציע.

דעם 19טן אַפּריל וועלן מיר אויסדריקן אונזער פאַרביטערונג קעגן די יידישע פירער, וועלכע האָבן אָן פאַרשטענדיקונג מיט די איבעריקע טיילן פון יידישן פאָלק באַשטימט אַן אַנדער זכרון־טאָג און מיט דעם צעשפּליטערט דעם געדענק־טאָג נאָך אונזערע קדושים.

אינעם טאָג פון 19טן אַפּריל וועלן מיר זיך פאַרייניקן אויך מיט דעם גייסט, וואָס האָט באַהערשט די געטאָ־קעמפער אין זייער געראַנגל און מיר וועלן צונויפשמידן אונזערע רייען צום קאַמף פאַר זייערע־אונזערע אידעאַלן.

צום קאַמף קעגן אַלע פינצטערע כוחות פון דער וועלט, פאַר אַ בעסערער מענטשהייט, וווּ ס׳זאָלן מער נישט קאָנען זיך איבערחזרן אַזעלכע גרוילטאַטן, פאַר אַ וועלט פון גלייכהייט און ברידערלעכקייט פאַר אַלע פעלקער און ראַסן.

י. סאמטער

# נאָך דער סיני־אַקציע

## אַן גאַראַנטיעס...

נאָך אַ דראַמאַטישן געראַנגל, וואָס האָט אָנגעהאַלטן העכער 4 חדשים האָט די ישראל־רעגירונג ענדלעך אויסגעפירט דעם באַשלוס פון אונאָ און האָט צוריקגעצויגן איר אַרמיי פון עזה און שאַרם־אַ־שייך ביז די אַלטע וואָפנשטילשטאַנד־גרענעצן. נישט געקוקט אויף די פּילמאַליקע דערקלערונגען פון בן־גוריונען, אַז דער וואָפנשטילטאַנד־אָפּמאַך מיט מצרים איז מער נישט גילטיק ווערט דאָך דער דאָזיקער אָפּמאַך ווייטער אָנערקענט דורך דער אונאָ און אויף דעם סמך איז מצרים צוריק אַריינגעלאָזט געוואָרן קיין עזה.

די ישראל־רעגירונג האָט נישט באַקומען די געפאָדערטע „ממשותדיקע" גאַראַנטיעס נישט פון אונאָ און נישט פון אַמעריקע. אייזנהויערס „צוזאָגן" האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין געבויט אויף אַ מיספאַרשטענדעניש, וועגן וועלכער עס שרייבט דער וואשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון „הארץ" עמוס אילון (דעם 29טן מערץ):

„...ס'זעט אויס אַז ישראל... איז ממשיך אין אָפּנאַרן זיך אַליין בנוגע דעם מהות פון דער „פאַרשטענדעניש" מיט אַמעריקע. לויט ווי די ענינים ווערן געזעען פונדאַנען (פון וואשינגטאָן — י. ס.) מאַכט עס דעם איינדרוק פון אַ באַוווסטזיניק אָפּנאַרן זיך, וואָס איז אפשר אַ פאָרם פון זעי׳בסט־טרייסט".

אין „הארץ" פון 15טן מערץ שרייבט דער זעלביקער קאָרעספּאָנדענט:

„ישראל האָט נישט באַקומען קיין איינע פון די גאַראַנטיעס, וועלכע זי האָט מיט אַזאַ גרויסער עקשנות געפאָדערט במשך די נערוון־צעטרייסלנדיקע דריי חדשים... „פאַקטיש איז איצט קלאָר, אַז אין תוך גענומען האָט ישראל פולשטענדיק אָנגענומען די אַמעריקאַנער פאָרשלאַגן, ווי זיי זענען פאָרמולירט געוואָרן אין דאַלעסעס בריוו פון 11טן פעברואר און וועלכע זענען פריער געהאַט געוואָרן אָפּגעוואָרפן „ווי נישט גענוגנדיקע".

ס'איז אויך שווער צו האַלטן פאַר אַ דערגרייכונג די „גאַראַנטיע", וועלכע די ישראל־רעגירונג האָט זיך אַליין געגעבן, אַז זי וועט זיך באַנוצן מיטן אַרטיקל 51 פון דער אונאָ־קאָנסטיטוציע, ד. ה. אַז זי וועט זיך באַנוצן מיט מיליטערישער קראַפט, כדי צו באַשיצן די פרייהייט פון איר שיף־פאַרקער.

ס'איז דעריבער נישט קיין צופאַל, פאַרוואָס דער צוריקצוג פון עזה און שאַרם־אַ־שייך האָט אַרויסגערופן אַזאַ פאַרביטערונג ביי אַ גרויסן טייל פון דער ישראל־באַפעלקערונג וועלכע האָט געלעבט אונטערן איינדרוק פון מיליטערישן נצחון און פון דער דראַמאַטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די רעגירונג האָט געהאַט געפירט קעגן צוריקצוג. פאַר די אָפּאָזיציאָנעלע פאַרטייען אין לאַנד סיי פון מחוץ, סיי פון אינערהאַלב דער רעגירונג, האָט דאָס געגעבן אַ גינסטיקע געלעגנהייט פאַר זייער דעמאַגאָגישער קאַמפּאַניע קעגן דעם רעגירונגס־באַשלוס. דער אמת איז, אַז די רעגירונג האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. נאָר אַוואַנטוריסטישע עלעמענטן פון „חירות"־חדר קאָנען זיך פאָרשטעלן, אַז די ישראל־מדינה האָט געקאָנט אַ לענגערע צייט אויסהאַלטן קעגן דעם דרוק פון דער גאָרער וועלט.

⁂

דער צוריקצוג פון די פאַרנומענע געביטן האָט ווידער באַנייט דעם וויכוח אַרום דעם, צי איז די סיני־אַקציע בכלל געווען נויטי׳ק און צי זי׳ האָט זיך געלוינט. די דאָזיקע פראַגע עגבערט היינט אַ סך פון די וואָס זענען פריער געווען אָנהענגער פון דער אַקציע. מיט דעם דערקלערט זיך פאַרוואָס בן־גוריון האַלט כסדר פאַר נויטיק צו באַרעכטיקן די אַקציע און אָנצווייזן אויף אירע דערגרייכונגען. מיר האָבן נישט בדעה דאָ צו באַנייען דעם וויכוח. מיר ווילן דאָ בלויז באַמערקן, אַז אויב בעת דער אַקציע האָבן אין לאַנד כמעט זיך נישט געהערט קיין שום שטימען קעגן איר, איז די לאַגע איצט אַנדערש. מיר זענען עדות פון אַ רייע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן קעגן דער סיני־אַקציע. אַזאַ צבש. איז געווען די כנסת־רעדע פון משה שרת, די ערשטע נאָך אַ פּאָר חדשימדיקן איבעררייס, אין וועלכער ער האָט דערקלערט, אַז

„אינעם ריס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צווישן ישראל, אונאָ, אַמעריקע און די אַזיאַטישע לענדער זענען פאַרוויקלט ערנסטע געפאַרן פאַר דער צוקונפט און ווער ווייס צי אויך נישט פאַר דער עצם־עקזיסטענץ פון מדינת ישראל".

קעגן דער סיני־אַקציע זענען אַרויסגעטרעטן דער כנסת־דעפּוטאַט און רעדאַקטאָר פון „הארץ", גרשון שאָקען, ווי אויך דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ד"ר נחום גאָלדמאַן. אויך מפ"ם, וועלכע האָט אין משך פון דער צייט דורכגעמאַכט עטלעכע גלגולים —— פריער איז זי געווען קעגן דער סיני־אַקציע, שפּעטער האָט זי זיך נישט נאָר אָנגעשלאָסן אין דער אַקציע, נאָר אויך פייערדיק געקעמפט קעגן פאַרלאָזן דעם עזה־געביט — איז ווידער צוריקגעקומען צו איר ערשטער שטעלונג, אַז די סיני־אַקציע איז געווען אַ „היסטאָרישער פעלער".

די סיני־אַקציע וועט נאָך מסתמא אַ לענגערע צייט זיין אַ טעמע פאַר וויכוחים. ס'איז געווען אַ צו ערנסטע געשעעניש, אַז מען זאָל זי איבערלאָזן אָן אַ גרינטלעכער דורכטראַכטונג און אָן לערנען פון איר.

## די נייע לאַגע מיט אַלטע פּראָבלעמען

מיטן צוריקגאַנג צו די אַלטע וואָפנשטילשטאַנד־גרענעצן האָט זיך פאָרמעל אָפּגעשלאָסן דאָס קאַפּיטל: סיני־אַקציע. אין דער געשיכטע זענען אָבער נישט פאַראַן קיין אָפּגעשלאָסענע קאַפּיטלען.

די סיני־אַקציע האָט געשאַפן אַ נייע לאַגע. זי האָט אָבער נישט געלייזט קיין איינעם פון די אַלטע פּראָבלעמען, זי האָט זיי נאָר בולטער אַרויסגעברענגט, אָוועקגעשטעלט זיי אין אַ שאַרפערער ליכט און מערער זיי קאָמפּליצירט.

## ניצנה

די סיני־אַקציע האָט אַרויסגעברענגט צום לעבן אַן אונאָ־אַרמיי, וועלכע האָט באַזעצט די מצרישע זייט פון דער ישראל־גרענעץ. גלייכצייטיק פאָדערט אָבער די אונאָ, אַז אויך ישראל זאָל דערלויבן די דאָזיקע כוחות צו באַזעצן די ישראל־זייט פון דער גרענעץ, באַזונדערס דעם געביט פון ניצנה. וואָס שייך ניצנה איז דער ענין קאָמפּליצירט אויף אַזויפיל, וואָס לויט דעם וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך פון 1949 האָט דער דאָזיקער געביט באַדאַרפט בלייבן דעמיליטאַריזירט. אין 1955 האָט אָבער די ישראל־אַרמיי באַזעצט דעם דאָזיקן געביט, וואָס סיי מצרים סיי די אונאָ באַטראַכטן ווי אַ ברוך פון וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך.

די ישראל־רעגירונג האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם אונאָ־פאָרשלאַג וועגן אַריינלאָזן פרעמדע כוחות קיין ניצנה אָדער אויף אַן אַנדער שטח פון ישראל. ס'איז שווער דערווייל צו זאָגן מיט וואָס דער דאָזיקער קאָנפליקט וועט זיך ענדיקן. דער „הארץ" פון 24טן מערץ שרייבט וועגן דעם ענין:

„דער אָפּזאָג פון ישראל מסכים צו זיין אויף דער באַזעצונג פון אונאָ־כוחות אויך אין געביט פון ניצנה איז עלול צו ברענגען דערצו, אַז נאַצער זאָל פאַרלאַנגען פון דער אונאָ אַרויסצוציען אירע כוחות אויך פון דער עגיפּטישער טעריטאָריע. דער אונאָ־כוח וועט דאַן פאַרלאָזן די אַלע שטחים לגבי וועלכע ישראל האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ אינטערעס, אַז דאָרט זאָל דער דאָזיקער כוח גראַד יאָ זיין; אין עזה־פּאַס און אין ברעג־פּאַס פון מזרחדיקן סיני".

דאָס איז אָבער נאָר איין זייט פון דער מטבע. פון דער צווייטער זייט דריקט אָבער דער „הארץ" אויס די מורא, אַז

„דער אַפּעטיט פון אונאָ וועט וואַקסן מיטן עסן און אַז נאָכדעם ווי מיר וועלן מסכים זיין אויף דער פאָדערונג לגבי ניצנה זאָלן מיר נישט געשטעלט ווערן פאַר אַ דרוק מסכים צו זיין, אַז די אונאָ־כוחות זאָלן פאַרנעמען פּאָזיציעס אויך אין די דעמיליטאַריזירטע געביטן אין צפון און אין ירושלים".

דער „הארץ" גיט נישט קיין ענטפער, וואָס די ישראל־רעגירונג דאַרף טאָן. ער האַלט נאָר, אַז זי דאַרף זיך גוט פאַרטראַכטן איידער זי נעמט אָן אַ וואָסערן ס'איז באַשלוס אין דער פראַגע.

„חירות" איז זיכער, אַז די רעגירונג וועט לסוף אויך אין דער פראַגע זיך בייגן פאַר דער אונאָ. אויב עס דאַרף טאַקע אַזוי זיין, איז צו וואָס די „קאַטעגאָרישע" דערקלערונגען, אַז מיר וועלן נישט אַריינלאָזן קיין אונאָ־כוחות? צו וואָס ווידער פאַרשאַרפן די באַציונגען און אָנהאַלטן די נערוועזע שפּאַנונג? נאָכן צוריקציען זיך פון אַלע פאַרנומענע געביטן איז דער דאָזיקער ענין פונדעסטוועגן פון צו קליינער באַדייטונג, אַז מען זאָל צוליב דעם דאַרפן סטראַשן מיט מלחמה...

## פרייער שיף־פאַרקער און די ...פליטים

אַ שווערער גראַנגל גייט נאָך אָן פאַרן פרייען שיף־פאַרקער. די אַראַבישע מדינות האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די שטעלונג פון די מערבדיקע גרויסמאַכטן, אַז דער עקבה־ דורכגוס איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער וואַסער־וועג; זיי באַטראַכטן אים פאַר אַן אַראַבישן טעריטאָריאַלן וואַסער־וועג. דער דורכפאָר פון ישראל־שיפן קעגן ווילן פון די אַראַבישע מדינות וועט פריער אָדער שפעטער מוזן זיין פאַרבונדן מיט מיליטערישע צוזאַמענשטויסן. דאָס באַנוצן זיך מיטן פאַראַגוואַף 51 וועט נישט ענדערן די לאַגע, אַז דאָס קאָן פירן צו אַ נייער מלחמה. די פראַגע שטייט, צי מעג מען און צי קאָן מען לייזן די דאָזיקע פראַגע אויפן וועג פון מלחמה?

וואָס שייך דעם סועץ־קאַנאַל איז די לאַגע נאָך קאָמפּליצירטער. אין דער דאָזיקער פראַגע, ווי ס׳ווייזט זיך אַרויס, האָט אייזענהויער אפילו קיין מאָראַלישן צוזאָג אויך נישט געגעבן. און ס׳איז ווייניק וואַרשיינלעך, אַז די מערב־גרויסמאַכטן, וועלכע אין פרינציפּ זענען זיי פאַר אַ פרייען דורכפאָר פון ישראל־שיפן דורכן קאַנאַל, זאָלן צוליב דער פראַגע איינרייסן מיט נאַצערן, אויב נאָר זיי וועלן דורכקומען מיט אים איבער אַלע איבעריקע שטרייטיקייטן.

דעם 29טן מערץ האָט נאַצער דערקלערט אויף אַ פרעסע־קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן, אַז די פראַגע פון פרייען שיף־פאַרקער פאַר ישראל איז ענג פאַרבונדן מיט דער לייזונג פון דער פליטים־פראַגע.

„אַמעריקע — האָט ער דערקלערט — שטייט ביי איר פאָדערונג צו פאַרזיכערן דעם פרייען שיף־פאַרקער; זי דערמאָנט אָבער נישט מיט קיין איין וואָרט וועגן די רעכט פון די פליטים. אויב זיי וועלן מסכים זיין צו באַהאַנדלען די פראַגע ווי איין גאַנצעס, וועלן אויך מיר מסכים זיין דערויף. מיר קאָנען אָבער נישט מסכים זיין צו באַטראַכטן די רעכט פון ישראל און נישט באַטראַכטן גלייכצייטיק אויך די רעכט פון די פליטים".

מיר ווייסן, אַז די אַראַבישע פירער נוצן אויס דעם פליטים־פראָבלעם ווי אַ פּאָליטישן קאַמפּס־מיטל קעגן ישראל. אַז זייער באַציונג צו דער דאָזיקער פראַגע האָט קיין שום שייכות נישט צו אַ וואָסער ס׳איז הומאַניטאַרער זאָרג פאַר זייערע אומגליקלעכע ברידער, וועלכע וואַלגערן זיך שוין 9 יאָר אין די פליטים־לאַגערן. דאָך קאָן מען נישט אָפּלייקענען, אַז דער דאָזיקער פראָבלעם איז געוועזן און איז פאַרבליבן די וויכטיקסטע שטערונג אויפן וועג צו שלום צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות, אַז כל זמן דער פראָבלעם וועט נישט געלייזט ווערן זענען אַלע רייד וועגן שלום אַרויסגעוואָרפענע. אומאָפּהענגיק פון נאַצערס דערקלערונג מוז די ישראל־מדינה זיין פאַראינטערעסירט צו לייזן די דאָזיקע אָנגעווייטיקטע פראַגע. און אויב נאַצער האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז ער איז נישט קעגן דערלויבן אַ פרייען שיף־פאַרקער פאַר ישראל נאָר אַז ער פאַרבינדט דאָס מיט דעם פליטים־פראָבלעם, קאָנען מיר זיין נישט צופרידן, וואָס ער פאַרייניקטביידע פראַגן, איז עס אָבער דער חוב פון דער ישראל־רעגירונג אָנצונעמען די ווענדונג פון נאַצערן. מיר וועלן דעמאָלט ווייזן דער וועלט, אַז מיר זענען גרייט צוצוהעלפן צו לייזן דעם אַראַבישן פליטים־פראָבלעם און מיר וועלן אויך קאָנען שטעלן צום עקזאַמען די אויפריכטיקייט פון נאַצערס דערקלערונג וועגן פרידלעך דורכקומען מיט ישראל.

ליידער, ווייזט די ישראל־רעגירונג נישט אַרויס קיין שום ממשותדיקן אינטערעס צו לייזן דעם אַראַבישן פליטים־פראָבלעם. זי קוקט אויף דעם פראָבלעם, ווי דאָס וואָלט געווען נוגע בלויז די אַראַבישע מדינות. אין זיין כנסת־רעדע דעם 2טן אַפּריל האָט בן־גוריון אָנגעגעבן ווי איינעם פון די אַרגומענטן, פאַרוואָס ער איז מסכים געווען צו פאַרלאָזן דעם עזה־געביט, אַז ער וויל בעסער איינאָרדענען דאָס יאָר 100 טויזנט עולים חדשים, איידער די 300 טויזנט אַראַבער פון עזה־פּאַס".

אַוודאי זענען 100 טויזנט עולים חדשים זייער וויכטיק פאַר דער מדינה. צי קאָן מען אָבער אָננעמען די דאָזיקע אַנטקעגנשטעלונג: עולים חדשים קעגן אַראַבישע פליטים? צי קומט נישט דאָ צום אויסדרוק די נעגאַטיווע באַציונג פון בן־גוריונען צו דער פליכט פון דער ישראל־מדינה צוצוהעלפן לייזן דעם פראָבלעם? און צי איז אַזאַ באַציונג לטובת דער מדינה? צי איז נישט קלאָר, אַז מיט איבערלאָזן די 300 טויזנט אַראַבישע פליטים אין עזה־געביט העלפט מען פאַקטיש צו מיט אייגענע הענט צו דער ווידער־אַנטשטייונג פון די פאַדאַין־באַנדעס? אַז מיט דעם העלפט מען צו אַליין צום אַרונטעררייסן די זיכערקייט פון דער מדינה? מיט אַ זעלכע דערקלערונגען באַזייטיקט ער נישט בן־גוריון נאָר לייגט נייע שטיינער אויפן וועג צו אַ שלום מיט דער אַראַבישער וועלט.

### שלום...

די צרה איז, וואָס בן־גוריון גלויבט נישט אין קיין שלום און ער איז נישט איינגעשטעלט אויף קיין שלום. אין דער זעלביקער רעדע האָט בן־גוריון דערקלערט, אַז די סיני־אַקציע האָט נישט געהאַט פאַר קיין ציל צו דערגרייכן אַ שלום. מיט דעם האָט ער, אגב, צעקלאַפּט די אילוזיעס פון די, וואָס האָבן זיך געהאַט איינגערעדט, אַז דורך דער סיני־אַקציע קלערט די ישראל־רעגירונג צו צווינגען די אַראַבישע מדינות צו שליסן אַ שלום מיט ישראל.

„כ׳רעד זיך נישט איין — האָט בן גוריון דערקלערט — אַז כל זמן ס׳איז פאַראַן נאַצער און ענלעכע הערשער אין דער אַראַבישער וועלט וועלן מיר דערגרייכן אַ שלום. ער וועט נישט שליסן קיין שלום כדי אַ צווייטער אָפיציר זאָל אים באַזייטיקן פון דער מאַכט און נורי סאַיד זאָל אים קאָנען שטעמפּלען ווי אַ פאַרעטער פון זיין פאָלק".

בן־גוריון גלויבט נישט אין קיין שלום מיט נאַצערן און נורי סאַידן. צי איז אָבער מעגלעך צו גלויבן אַז נאָך נאַצערן און נורי סאַידן וועלן אין די אַראַבישע לענדער קומען אַזעלכע פירער, וואָס וועלן יאָ מסכים זיין צו שליסן אַ שלום אויף קאַפּיטולאַציע־באַדינגונגען לגבי ישראל און אָן לייזן די אַראַבישע פליטים־פראַגע?!

אין פאַרשידענע רעדעס, וואָס בן־גוריון האָט געהאַלטן די לעצטע צייט אין כנסת, ווי אויך מחוץ דער כנסת, האָט ער אָנגעגעבן ווי איינעם פון די וויכטיקסטע מאָטיוון, פאַרוואָס ער האָט זיך דעצידירט אונטערצוּוואַרפן די באַשלוסן פון אונאָ — נישט דעם ווילן דורכצוקומען מיט גוטן מיט מצרים, ווי אויך נישט דעם ווילן, אַז די אונאָ און די גרויסמאַכטן זאָלן זיך באַמיען צו דערפירן צו אַ פרידלעכער לייזונג צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער — נאָר „די ערנסטע סכנה, אַז אויב מיר וועלן ווערן געשטעמפּלט דורך דער אונאָ — וועלן פראַנקרייך אָדער קאַנאַדע נישט קאָנען און נישט וועלן באַזאָרגן אונז מיט געווער... און געווער האָט אַ טבע, אַז עס ווערט שנעל פאַרעלטערט.. און אויב איך האָב נישט קיין גרונט אָנצונעמען, אַז אין די נאָענטסטע חדשים דראָט אונז אַן אָנגריף מצד די אַראַבער (כאָטש קיין פולע זיכערקייט איז נישט פאַראַן) דערוואַרט אונז אָבער זיכער אַן אָנגריף אין אַ יאָר אַרום אָדער צוויי..." (פון זיין רעדע צום צוזאַמענפאָר פון די דרום־ישובים דעם 7טן מערץ).

ס׳האָט זיך נאָכגעשט פאַרטרוקנט דאָס בלוט פון די געפאַלענע אין דער סיני־אַקציע און שוין רעדט מען ווידער וועגן אַ נייער מלחמה; אַנשטאָט צו פירן אַן אַקציע פאַר שלום רעדט מען ווייטער וועגן געווער, וועגן נייער באַוואָפענונג און די רעגירונג סטראַשעט כסדר אין אירע לעצטע אַרויסטרעטונגען מיט נייע מיליטערישע אַקציעס, אַז דאָס רעגט אפילו אויף די מער ניכטערע ציוניסטישע טוער אין פאַרשידענע לענדער. אַזוי שרייבט צבש. אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" פון 22טן מערץ איינער פון די אָנגעזעענסטע ציוניסטישע זשורנאַליסטן ס. דינגאַל אין שייכות מיט בן־גוריונס אַרויסטרעטונגען:

„ס׳איז אַמאָל נויטיק צו באַנוצן אַ שווערד, ס׳איז אָבער נישט נויטיק כסדר מיט איר צו פאָכען".

***

נאָכדעם ווי די ישראל־מדינה האָט זיך אונטערגעוואָרפן די באַשלוסן פון אונאָ און האָט זיך צוריקגעצויגן פון די פאַרנומענע געביטן איז עס די פליכט פון דער אונאָ און פון די גרויסמאַכטן אויסצואיבן זייער דרוק, אַז עס זאָלן אויף אַ פרידלעכן אופן געלייזט ווערן די שטרייט־פראָבלעמען צווישן ישראל און מצרים, און אַז עס זאָלן באַפרידיקט ווערן די גערעכטע טענות פון ישראל צו אַ רואיק לעבן אויף די גרענעצן און צו אַ פרייען פאַרקער פון אירע שיפן דורך די וואַסער־וועגן. פון דער אַנדערער זייט דאַרף עס אָבער זיין די אויפגאַבע פון דער ישראל־באַפעלקערונג אַנטקעגנצושטעלן זיך די מיליטאַריסטישע טענדענצן אין לאַנד און אויסצואיבן איר ווירקונג, אַז די מדינה־פירער זאָלן פון זייער זייט אָננעמען אַלע מיטלען אויף צו פאַרשיטן דעם תהום פון שנאה צווישן אונז און דער אַראַבישער וועלט.

שלום איז אַ נויטווענדיקייט פאַר אונזער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג. מיט מלחמה וועלן מיר נישט לייזן אונזערע פראָבלעמען, מלחמה איז אויך נישט קיין וועג צו שלום. דער שלום מיט דער אַראַבישער וועלט קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך סטאַבילע, לאַנגדויערנדיקע באַמיונגען און נאָר אויפן וועג פון קעגנזייטיקע פשרות. קיין אַנדער וועג איז נישט פאַראַן. יעדער אַנדער וועג קאָן נאָר ברענגען חורבן און פאַרוויסטונג.

ד. מערלין

# די אייזענהויער־דאָקטרין אין מיטעלן מזרח

דער דורכגעפאַלענער פראַנצויזיש־ענגלישער אָנגריף קעגן מצרים האָט געעפנט אַ נייע פאַזע אינעם קאַמף צווישן די גרויסמאַכטן פאַר דער הערשאַפט איבערן מיטעלן מזרח.

שוין אַ רייע יאָרן ווי אַמעריקע פירט אַ „שטילע" פּאָליטיק פון אַרויסשטויסן ענגלאַנד און פראַנקרייך פון די מיטלמזרחדיקע לענדער, כדי אַליין צו באַהערשן די ריזיקע שטחים פון די פאַראַנענע דאָרט נאַפט־קוואַלן. די „שטילע" פּאָליטיק האָט זיך אויסגעדריקט פון איין זייט אין ריזיקע קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס און פון דער אַנדערער זייט אין שטיצן דעם אַראַבישן נאַציאָנאַליזם. אין איר קאַמף קעגן ענגלאַנד און פראַנקרייך האָט אַמעריקע אַ געוויסע צייט אפילו געקוקט דורך די פינגער אויף דער הילף וואָס רוסלאַנד האָט געגעבן אַ רייע אַראַבישע מדינות און אויף אירע כוונות אַריינצודרינגען אין מיטעלן מזרח.

די סועץ־אַקציע איז מצד ענגלאַנד און פראַנקרייך געווען אַ פאַרצווייפלטער פּרוּוו אַנטקעגנצושטעלן זיך דער דאָזיקער אַמעריקאַניש־אַראַביש־סאָוויעטישער אַרויסשטויסונגס־פּאָליטיק. זיי האָבן דעם בונט פאַרשפּילט. ביי דער אומדירעקטער מיטהילף פון רוסלאַנד האָט אַמעריקע געצוווּנגען זיי אָפּצושטעלן די קאַמפן און צוריקצוציען זיך פון סועץ־געביט. אין דאָזיקן אַקט פון צוריקצוג האָט אַמעריקע דערזעען איר שעת הכושר אויף צו רעאַליזירן אירע מאָנאָפּאָליסטישע הערשאַפטס־אַספּיראַציעס. זי איז געווען איבערצייגט, אַז מיט דער פאַרשפּילטער סועץ־אַקציע האָבן פראַנקרייך און ענגלאַנד ענדגילטיק זיך אַרונטערגעריסן אין די אויגן פון דער אַראַבישער וועלט און אַז איצט וועט איר אָנקומען לייכט צו באַזייטיקן זיי פולשטענדיק פונעם מיטל־מזרח.

ענגלאַנד און פראַנקרייך האָבן אָבער אויך נאָכן צוריקצוג, נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק פולשטענדיק צו קאַפּיטולירן פאַר אַמעריקע. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז פונקט ווי זיי זענען שוואַך לגבי דעם אַמעריקאַנישן דרוק, אַזוי אָבער קאָן אויך אַמעריקע זיך נישט דערלויבן צו פאַרלירן זיי ווי אַליאירטע קעגן דער עווענטועלער סאָוויעטישער געפאַר. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי אַרום אַ נייער שטילער אָבער האַרטנעקיקער הינטער־קוליסן־געראַנגל צווישן די דריי מערבדיקע גרויסמאַכטן. אין דער זעלביקער צייט ווען אַמעריקע באַמיט זיך צו „פאַרקויפן" איר אייזענהויער־דאָקטרין די מדינות פון מיטעלן מזרח — צוליב דעם צוועק איז עס אַרויסגעפאָרן אויף זיין טורניי דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט ה' דזשיימס ריטשאַרדס — גייען אָן געהיימע פאַרהאַנדלונגען צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד און פראַנקרייך וועגן געפינען אַ נייעם קאָמפּראָמיסלעכן אויסוועג פון קאָנפליקט.

אַז אַמעריקע איז גענויגט צו גיין אויף געוויסע קאָמפּראָמיסן באַווייזט סיי דער פאַקט פון דורכפירן אין אונאָ אַן איינהייטלעכן פראַנצויזישן פאָרשלאָג אין דער פראַגע פון אַלזשיר ווי אויך דער באַשלוס פון צוטרעטן צו דער מיליטערישער קאָמיסיע פון באַגדאַדער פּאַקט. גלייכצייטיק באַמיט זיך אָבער אַמעריקע צו פאַרטיפן דעם ריס און אויסצונוצן לטובת זיך די קעגנזאַצן צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך. ס'איז באַמערקנסווערט, אַז ביז איצט האָט אַמעריקע זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרהאַנדלען מיט ביידע מדינות ביי איין טיש, נאָר פאַרהאַנדלט מיט יעדער באַזונדער; דערביי האָט גי מאָלע געמוזט פאָרן קיין וואַשינגטאָן צו אייזענהויערן בעת צו די פאַרהאַנדלונגען מיט מאַק מילאַן האָט אייזענהויער געהאַלטן פאַר נויטיק אים אַנטקעגנצופאָרן קיין בערמודאַ.

אין אַ צייט אַרום וועלן מיר מסתמא געוויר ווערן אויף וואָסערע קאָמפּראָמיסן אַמעריקע איז געווען געצוווּנגען איינצוגיין לגבי די צוויי מערב־אייראָפּעאישע מדינות. וואָרשיינלעך וועט אַמעריקע נישט קאָנען רעאַליזירן פולשטענדיק אירע מאָנאָפּאָליסטישע טענדענצן, נאָר וועט מוזן זיך טיילן אין איר השפעה, אין אַ קלענערער מאָס מיט פראַנקרייך און אַ גרעסערער מיט ענגלאַנד. דאָס קאָן אָבער שוין נישט ענדערן דעם פאַקט, אַז אַמעריקע האָט איבערגענומען די פירנדיקע ראָל אין מיטעלן מזרח. אויף אַזוי פיל וועט אויך די „אייזענהויער־דאָקטרין" ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ געמיינזאַמען פּלאַן פון די דריי מערב־מלוכות.

נישט לייכט איז אויך דער פּראָבלעם פון געווינען די אַראַבישע מדינות פאַר דער „אייזענהויער־דאָקטרין". פאַרהעלטניסמעסיק לייכט איז עס צוגעגאַנגען ביי די מדינות, וואָס האָבן אויך ביז איצט זיך געפונען אונטער דער מערבדיקער השפעה, ווי איראַק, סאַודיע, לבנון און ליביע. אַמשווערסטן גייט עס אָבער צו מיט די דריי „נייטראַליסטישע" מדינות: מצרים, ירדן און סיריע, וועלכע האָבן ביז איצט געפירט אַ פּאָליטיק פון אויסנוצן לטובת זיך די קעגנזאַצן צווישן ראַטנפאַרבאַנד און דער מערב־וועלט. זיי לאָקט די מיליטערישע און עקאָנאָמישע הילף פון דער אייזענהויער־דאָקטרין; זיי שרעקט אָבער אָפּ דאָס פאַרלירן די ביזאיצטיקע מאַנעווירונגס־פרייהייט צווישן די גרויסמאַכטן.

אין קעגנזאַץ צו ענגלאַנד און פראַנקרייך וועלכע האָבן געוואָלט מיטן כוח פון פיזישער געוואַלט באַהערשן די דאָזיקע מדינות גייט אַמעריקע אויפן וועג פון אויסאיבן אויף זיי אַ פּאָליטישן און עקאָנאָמישן דרוק. אַמעריקע האַלט נאָך אָן איר עקאָנאָמישן באָיקאָט אויף מצרים. דער מאַרשרוט פון ה' ריטשאַרדס, זיין אַרומפאָרן איבער פאַרשיידענע לענדער פון אַזיאַטיש־אַפריקאַנישן קאָנטינענט ביים איבערלאָזן אויפן סוף זיין באַזוך אין מצרים, סיריע און ירדן באַווייזט אויף דער כוונה צו איזאָלירן די דריי מדינות און אַרומרינגלען זיי מיט אַ נעץ מלוכות, וואָס זענען יאָ גענויגט אָנצונעמען די אייזענהויער־דאָקטרין — און דורך דעם אויך זיי צווינגען צו קאַפּיטולירן. אין אַ באַדייטנדיקער מאָס איז דער דאָזיקער פּלאַן אים געלונגען.

אונטערן איינפלוס פון אַמעריקע און ענגלאַנד איז עס לעצטנס דערגאַנגען צו אַן ערנסטער דערנענטערונג צווישן סאַודיע, לבנון, ליביע און איראַק. ליביע, די שכנטע פון מצרים האָט איינגעלאַדן איראַקישע אָפיצירן אויף אויסצושולן איר אַרמיי. אַ באַזונדערס שווערער קלאַפּ פאַר מצרים איז דער לעצטנס־געשלאָסענער אָפּמאַך צווישן סודאַן און איראַק. סודאַן איז לאַנגע יאָרן געווען אונטער דער עגיפּטישער הערשאַפט, פון 1898 איז זי געווען אַן בשותפותדיקע ענגליש־עגיפּטישע דאָמיניע, אין 1953, נאָכן דעראָבערן די אומאָפּהענגיקייט האָט דאָרט געהאַט געזיגט די פּראָמצרישע פּאַרטיי און ס'איז אַנטשטאַנען אַ פּראָמצרישע רעגירונג. איראַק, וועלכע איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען איזאָלירט פון דער אַראַבישער וועלט אין איר פּראָמערבדיקער אָריענטאַציע איז איצט אַרויסגערוקט געוואָרן אין פאָדערגרונט פון אַ פּראָמערבדיקן אַראַבישן בלאָק.

די אייזענהויער־דאָקטרין האָט אויך אַריינגעבראַכט אַ צערודערונג אין די דריי „נייטראַליסטישע" מדינות. בעת דער סיני־אַקציע איז אין סיריע דורכגעפאַלן דער פּרוּוו פון אַ פּראָאיראַקישן אויפשטאַנד, וואָס איז אונטערגעשטיצט געוואָרן פון פראַנקרייך. ווי אויסלענדישע קרייזן גיבן איבער האָט אַמעריקע צוגעהאָלפן דער סירישער רעגירונג צו אַנטדעקן און דערמיט אונטערצודריקן דעם אויפשטאַנד. איצט דאַקעגן זענען מיר עדות פון שאַרפע רייבונגען אינערהאַלב די סירישע הערשנדיקע קרייזן, צווישן די פּראָסאָוויעטישע, נייטראַליסטישע און פּראָאַמעריקאַנישע עלעמענטן.

אויך אין ירדן איז נישט רואיק אַרום דער באַציונג צו דער אייזענהויער־דאָקטרין. דער קעניג חוסיין איז פון אַל־צמאַל באַקאַנט געווען מיט זיין פּראָמערבדיקער אָריענטאַציע. סיי אין דער רעגירונג, סיי צווישן פאָלק גייען אָן שאַרפע רייבונגען.

מצרים פירט נאָך דערווייל איר געראַנגל פאַרן סועץ־קאַנאַל און וואַרט אויף די רעזולטאַטן פון ה' ריטשאַרדס רייזע. די לעצטע אַרויסטרעטונגען פון נאַצערן באַווייזן אויך, אַז ער באַמיט זיך צו געפינען אויף זיין זייט די עפנטלעכע מיינונג פון אַמעריקע. אַלנפאַלס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ער האָט נאָך נישט אָפּגעוואָרפן די אייזענהויער־דאָקטרין.

לויט די ביזאיצטיקע אָפיציעלע דערקלערונגען פון די פירער פון די דריי „נייטראַליסטישע" מדינות זענען זיי נישט פּרינציפּיעל קעגן דער אייזענהויער־דאָקטרין. די דאָזיקע מדינה־פירער האָבן אויך געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן זייער קעגנערשאַפט צום קאָמוניזם. זיי שטרייכן נאָר אונטער זייער גרייטקייט צו קעמפן פאַר איינהאַלטן די נאַציאָנאַלע סוּווערעניטעט.

**

**אינעם פילפּראָנטיקן געראַנגל פאַרן מיטעלן מזרח: צווישן פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַמעריקע, צווישן די מערב־מלוכות און דעם ראַטנפאַרבאַנד, צווישן אַמעריקע און די אַראַבישע לענדער—פאַרנעמט**

א. כרמי

# די לעקציעס פון פּאַטריאָטיזם...

די פאָלקס־מאַסן אין לאַנד האָבן נאָך דער סיני־אַקציע באַקומען פון דער רעגירונג אַן אָנשווילעכע לעקציע, וואָס לאָזט זיך באַצייכענען אונטערן קעפּל: „פּאַטריאָטיזם — אַ מיטל צו פאַרערגערן די לאַגע פון די מאַסן".

אין משך פון חדשים האָט די רעגירונג — ביי דער אַקטיווער אונטערשטיצונג פון כמעט אַלע פּאַרטייען אין לאַנד — גערופן די פאָלקס־מאַסן אַנטקעגנצושטעלן זיך דער פאָדערונג פון אונאָ וועגן צוריקציען זיך פון עזה און שאַרם־אַ־שייך און צו זיין גרייט אויסצוטראָגן אַלע נויטיקע לאַסטן אין אָנבליק פון די דראָענדיקע דערפאַר סאַנקציעס. כדי אויסצוהאַלטן דעם דרוק פון די סאַנקציעס האָט די רעגירונג אַרויפגעלייגט אויף דער באַפעלקערונג נייע שטייערן און געהעכערט די פרייזן פון אַ רייע לעבנס־וויכטיקע באַדערפעניש. די באַפעלקערונג האָט אַ ביסל אונטערגעקרעכצט צוליב די נייע לאַסטן; זי האָט זיי אָבער אָנגענומען פאַר ליב גלויבנדיק, אַז דאָס איז נויטיק אויף איינצוהאַלטן די טעריטאָריאַלע דערגרייכונגען פון דער סיני־אַקציע.

צום סוף איז געשען, אַז די רעגירונג האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס פון אונאָ און האָט פאַרלאָזט אַלע פאַרנומענע געביטן. זי האָט אויסגעמיטן די געפאַר פון סאַנקציעס. נישט אַלע האָבן גערן אָנגענומען דעם דאָזיקן באַשלוס פון דער רעגירונג; אַ טייל, סיי פון רעכטן, סיי פון לינקן לאַגער האָבן אָפן פּראָטעסטירט קעגן דעם דאָזיקן באַשלוס — אַלע האָבן אָבער בתמימותדיק געגלויבט, אַז אויב די געפאַר פון סאַנקציעס איז פאַריבער — וועט די רעגירונג צוריק אַראָפּנידערן די געהעכערטע דורך איר פרייזן און באַפרייען די באַפעלקערונג פון די אַרויפגעלייגטע צוגאָב־שטייערן.

ווי זאָגט אָבער אַ יידיש פאָלקס־ווערטל: „נישט ביי מאָטיען". נישט נאָר האָט די רעגירונג נישט אַראָפּגענידערט די פרייזן, נישט נאָר האָט זי נישט באַפרייט פון די צוגאָב־שטייערן, נאָר זי האָט באַשלאָסן אין איר נייעם בודזשעט נאָך מער צו פאַרגרעסערן די שטייערן־לאַסט און צו פאַרלענגערן אויף נאָך אַ יאָר און צו העכערן דעם זיכערקייטס־שטייער „יהב־מגן".

ס'האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן, אַז ווען די רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט די אַלע „סאַנקציע"־לאַסטן אויפן פאָלק, האָט זי שוין געהאַט געוווסט, אַז זי וועט זיך לסוף אונטערוואַרפן דעם באַשלוס פון אונאָ. דער גאַנצער געשריי וועגן סאַנקציעס איז געווען אַ תירוץ אויף אַרויסצושלעפּן אַ ביסל געלט פון דער באַפעלקערונג און אויף אַראָפּצונידערן איר לעבנס־ניוואָ.

— די אונאָ האָט קיין סאַנקציעס אויף ישראל נישט אַרויפגעלייגט — דערפאַר אָבער האָט די ישראל־רעגירונג פון איר זייט אַרויפגעלייגט סאַנקציעס אויף דער באַפעלקערונג. אַזוי האָט עס די רעגירונג געגעבן דער באַפעלקערונג אַ לעקציע וועגן פּאַטריאָטיזם, אַ לעקציע פון וועלכער די באַפעלקערונג וועט האָבן וואָס צו לערנען...

## „יהב המגן"

ווען מיט העכער אַ יאָר צוריק האָט די רעגירונג פּראָקלאַמירט די אַקציע, פריער פרייוויליק פאַרן „קרן המגן", שפּעטער אויף אַ צוואַנגס־אופן פאַרן „יהב־המגן" האָבן כמעט אַלע פּאַרטייען אין לאַנד געשטיצט די אַקציע פון דער רעגירונג. ס'האָט קיינער נישט געוואָגט אַרויסצוטרעטן קעגן אַ שטייער, וואָס טראָגט אַזאַ פּאַטריאָטישן זיכערקייטס־נאָמען. דאָס אַרויסטרעטן קעגן דעם „מגן"־שטייער האָט אויסגעזען ווי בגידה, פאַראַט.

איצט האָט די רעגירונג דערפירט צו אַזאַ מצב, אַז פּאַקטיש טרעט די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אַרויס קעגן דעם „יהב המגן". לעצטנס האָבן פאַרעפנטלעכט אַ פּראָטעסט קעגן באַשלוס פון פאַרלענגערן דעם שטייער אויף נאָך אַ יאָר 8 אָרגאַניזאַציעס פון די בירגערלעכע שיכטן: אינדוסטריעלער, סוחרים, האַנטווערקער, לאַנדווירטן און אַנדערע. אויך די מערהייט מיטגלידער פון מפּ"ם, און אַ גרויסער טייל פון אחדות העבודה און מפּא"י, זענען קעגן דעם באַשלוס פון דער רעגירונג. בלויז כדי אויסצומיידן אַ רעגירונגס־קריזיס האָבן די מפּ"ם און אחדות העבודה מסכים געווען צו קאַפּיטולירן און האָבן באַגרענעצט זיך מיט דער פאָדערונג צו פאַרקלענערן דעם דאָזיקן שטייער. אויף דעם סמך איז עס אויך דערגאַנגען צו אַ „קאָמפּראָמיס"; אנשטאָט 60 מיליאָן פונט וועט די רעגירונג איינזאַמלען 50 מיליאָן פונט.

די וואָס וועלן צאָלן דעם דאָזיקן שטייער וועלן דאָס אָבער טאָן שוין אָן איבעריקער התלהבות... ווייל פּאַקטיש איז דער דאָזיקער שטייער נישט מער ווי אַ פאַרשטעלטער פאָרעם פון אַ צוגאָב־שטייער צו מס הכנסה.

## ווער צאָלט דעם „יהב המגן"?

פונקט ווי אַלע שטייערן אין לאַנד ווערט אויך דער „יהב המגן" אויסגעטראָגן קודם־כל פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק איז 60 פּראָצענט פון מס־הכנסה אין 1956 איינגעפלאָסן פון די לוין־אַרבעטער, בעת דער אַנטייל פון די רייכע קאַפּיטאַליסטישע שיכטן באַטרעפט נאָר קנאַפּע 22 פּראָצענט. וואָס שייך דעם „יהב המגן" שרייבט „על המשמר" פון 2טן אַפּריל:

„דער ציבור הפועלים האָט אין זיין צייט זיך געשטעלט בראש

---

אַ ביז גאָר וויכטיק אָרט דער ישראל־אַראַבישער קאָנפליקט.

די איינציקע מדינה, וואָס יאָגט זיך נישט (דערווייל) נאָך די אַראַבישע סימפּאַטיעס און שטייט אויף דער זייט פון ישראל — איז פראַנקרייך. אָבער אויך זי טוט דאָס צוליב אייגענע אינטערעסן. פאַר איר איז די ישראל־מדינה אַ וויכטיקער אַטוט אין איר געראַנגל מיט ענגלאַנד און אַמעריקע. פאַרן פרייז פון אַרויספּרעסן עפּעס פון אַמעריקע האָט אויך גי מאָלע, זייענדיק אין וואַשינגטאָן „געעצהט" ישראל צוריקצוציען זיך פון עזה און שאַרם־אַ שייך. זי דאַרף אָבער האָבן ישראל, כל זמן עס גייט נאָך אָן דער געראַנגל פאַרן סועץ־קאַנאַל און פאַר אַלזשיר.

פאַר אַמעריקע און ענגלאַנד זענען אָבער די אַראַבישע סימפּאַטיעס פון ערשטראַנגיקער באַדייטונג. ענגלאַנד האָט נאָך שטאַרקע איינפלוסן אין איראַק און אין ליביע און זי האָט נאָכנישט רעזיגנירט פון דורכקומען מיט מצרים און די איבעריקע לענדער. ענלעך איז די לאַגע פון אמעריקע. זי מוז געווינען די סימפּאַטיעס פון די אַראַבישע מדינות, כדי זיי אָפּצורייסן פון רוסלאַנד און צו ליקווידירן דאָרט די רעשטלעך פון די סאָוויעטישע איינפלוסן.

דער ישראל־אַראַבישער קאָנפליקט איז אין זייערע הענט אַ וויכטיקער דרוק־מיטל קעגן מצרים אויף אַרויסצופּרעסן לטובת זיך ווייטערדיקע הנחות, קודם כל אין דער פראַגע פון סועץ־קאַנאַל און אייזענהויער־דאָקטרין. פון דער באַציונג מצד מצרים צו דער לייזונג פון די דאָזיקע פראַגן איז דעריבער אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק דער אויסגאַנג פונעם דויערנדיקן קאָנפליקט אַרום עזה, ניצנה און פרייען שיף־פאַרקער פאַר ישראל.

ליידער איז נישט מעגלעך צו זאָגן, אַז די אייזענהויער־דאָקטרין זאָל זיין לטובת דער ישראל־מדינה. אוודאי, פון שטאַנדפּונקט פון אַלגעמיין־פּאָליטישער אָריענטאַציע איז די ישראל־מדינה פאַראינטערעסירט, אַז דער מיטעלער מזרח זאָל ווערן באַשיצט קעגן סאָוויעטישער אַריינדרינגונג. דער אייזענהויער־פּלאַן האָט אָבער קודם כל אין זינען צו באַשיצן די נאַפט־אינטערעסן פון אַמעריקע און ענגלאַנד. מיט דער הילף פון דער אייזענהויער־דאָקטרין וועלן די אַראַבישע מדינות ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטערישן אַרסענאַל, וועלכער וועט פּרינציפּיעל זיך געווענדעט קעגן רוסלאַנד, פּאַקטיש וועט ער באַדראָען די עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל.

אין די אינטערעסן פון דער ישראל־מדינה איז — אַז דער מיטעלער מזרח זאָל ווערן נישט באַוואָפנט נאָר אַנטוואָפנט, אַז דער מיטעלער מזרח זאָל אויפהערן צו זיין אַ ריוואַליזאַציע־פּלאַץ צווישן די גרויסמאַכטן. נאָר ביי אַן אַנטוואָפנטן מיטעלן מזרח קאָן די ישראל־מדינה אויסמיידן אַ מלחמה־געפאַר און באַקומען שאַנסן צו לייזן אויף אַ פרידלעכן אופן די ישראל־אַראַבישע שטרייט־פראַגן. ליידער האָט די ישראל־מדינה ביז איצט גאָרנישט געטאָן אין דער ריכטונג פון קעמפן פאַר אַנטוואָפענען דעם מיטעלן מזרח; זי האָט אויך נישט אַרויסגעוויזן קיין גרייטקייט אַליין זיך צו אַנטוואָפענען. זי האָט איר הויפּט־אויפמערקזאַמקייט געלייגט אויפן קאַמף פאַר באַקומען געווער. מיט דעם האָט זי צוגעהאָלפן די אַראַבישע מדינות אין זייער באַוואָפענונגס־געיעג, און אויך אומדירעקט צוגעהאָלפן די גרויסמאַכטן אין זייערע פּלענער צו פאַרוואַנדלען דעם מיטעלן מזרח אין אַ מיליטעריש־באַוואָפנטן ריוואַליזאַציע־פּלאַץ.

פון די שפּענדער פאַרן קרן המגן. די שפּענדונג פונעם בירגערטום, איז, ווי באַוווּסט, געווען זייער אַ קליינע. ס׳איז אָבער ווייניקער ׳באַוווּסט דער פאַקט, אַז דער גרעסטער רוב פון ישראַלישן בירגערטום האָט דאָס יאָר פּראַקטיש קיין איין פּרוטה נישט איינגעצאָלט פאַרן יהב המגן. ס׳וועט זיכער זיין אַ רעאַלע אָפּשאַצונג, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז 90 פּראָצענט פון בירגערטום האָט זיך אַרויסגעדרייט פון צאָלן פאַרן „יהב המגן״ אָן דעם, אַז די רעגירונג זאָל אָננעמען קעגן זיי וואָסערע עס איז יורידישע שריט. דער יהב המגן האַיאָר איז פּראַקטיש אַ באַשטייערונג בלויז פון ציבור לוין־אַרבעטער. נישט אומזיסט האָט דער פינאַנץ־מיניסטער אויסגעמיטן צו פאַרגרעסערן ׳באַדייטנדיק דעם איינקונפט־שטייער און האָט בעסער געוואָלט פאַרגרעסערן דעם „יהב המגן״.

## די רעגירונג האט געזיגט... איבערן פאלק

מען קאָן נישט אָפּלייקענען. אין איר ציל אַראָפּצונידערן דעם לעבנס־מצב פון דער אַר׳בעטנדיקער באַפעלקערונג האָט די רעגירונג צו פאַרצייכענען באַדייטנדיקע דערפאָלגן.

מיט די דירעקטע און אומדירעקטע שטייערן האָט די רעגירונג אַראָפּגענידערט אין משך פון די לעצטע פּאָר חדשים דעם רעאַלן לוין פון די אַרבעטער מיט אַרום 15 פּראָצענט. כדי די אַרבעטער זאָלן נישט קאָנען צוריקבאַקומען אַ טייל פון דעם פאַרלוירענעם לוין אויפן וועג פון אַן עווענטועלער יקרות־הוספה באַנוצט די רעגירונג שוין אַ פּאָר יאָר — און האָט אויך באַנוצט לעצטנס — דעם „פּאַטריאָטישן״ מיטל פון באַשטימען אויף אַ וואָך אָדער צוויי סובסידיעס אויף אַזעלכע שפּייז־אַרטיקלען, וועלכע ווערן פאַררעכנט אי׳ן יקרות־אינדעקס. די פּרייזן אויף די פּראָדוקטן פאַלן פונקט אין די פּאָר טעג ווען דער סטאַטיסטישער אַמט פירט אַדורך זיינע באַרעכענונגען.

ס׳איז אי׳בעריק צו זאָגן, אַז די דאָזיקע סטאַטיסטישע מאַניפּולאַציעס פון דער רעגירונג אויפן חשבון פון די אַרבעטער זענען אַ וויכטיקער צושטייער צו דער „פּאַטריאָטישער״ דערציונג, וואָס עס גיט די רעגירונג די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

אַ דאַנק דער דאָזיקער פּאָליטיק זענען מיר דערגאַנגען צו אַ לאַגע, ווי ס׳האָט פעסטגעשטעלט אין דער כנסת דער וויצע־מיניסטער פאַר סאָציאַלער הילף ש. ראָזענבערג, אַז 56 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד פאַרדינט ווייניקער ווי דער נויטווענדיקער ל׳עבנס־מינימום, ד. ה. ווייניקער ווי 200 פונט אַ חודש פאַר אַ משפּחה פון פיר מענטשן. ש. ראָזענבערג האָט אויך איבערגעגעבן, אַז אין לאַנד זענען פאַראַן העכער 212 טויזנט מענטשן וועלכע נויטיקן זיך אין שטיצע, בעת דאָס מיניסטעריום פאַר סאָציאַלער הילף איז ביכולת צו געבן אַ מינימאַלע שטיצע פון 6.5 ביז 13 פונט אַ חודש בלויז פאַר 54 טויזנט מענטשן.

איז טאַקע כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז די כנסת האָט געהאַלטן פאַר נויטיק אויף האַיאָר צו פאַרקלענערן דעם בודזשעט פון דאָזיקן מיניסטעריום מיט 700 טויזנט פונט און דער׳ביי צו פאַרגרעסערן דעם בודזשעט פון פּאָליציי־מיניסטעריום מיט 800 טויזנט פונט. ס׳איז אויך אינטערעסאַנט דער פאַרגלייך פון די צוויי בודזשעטן: דער בודזשעט פון מיניסטעריום פאַר סאָציאַלער הילף באַטרעפט 11.2 מיליאָן פונט און פון פּאָליציי־מיניסטעריום 25.6 מיליאָן פונט. די פּראָפּאָרץ איז אַ „לאָגישע״: וואָס ווייניקער מען פאַרדינט און וואָס קלענער ס׳איז די שטיצע פאַר די נויט׳באַדערפטיקע אַלץ מער דאַרף מען האָבן אויף פּאָליצייאישע אויסגאַבן...

## אומצופרידנהייט און דעמאגאגיע

די דאָזיקע „פּאַטריאָטישע״ פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע ווערט דורכגעפירט ביי דער אַקטיווער אונטערשטיצונג פון הסתדרות, הייבט אָן צו ברענגען די „געהעריקע״ פּרוכטן. אין לאַנד וואַקסט די אומצופרידנהייט. ס׳וואַקסט די צאָל שטרייקן אין די פאַבריקן, סיי פון פּריוואַטע באַלעבאַטעם, סיי אין די הסתדרות־אונטערנעמונגען. מחמת די דאָזיקע פּאָליטיק ווערט דורכגעפירט דורך אַ רעגירונג אין וועלכער עס זענען פאַרטראָטן אַלע דריי אַרבעטער־פּאַרטייען, גיט עס אַ גוטע געלעגנהייט דער „חירות״ און די ציונים כלליים, אַז זיי זאָלן עס זיין די, וואָס שטעלן זיך אין „שוץ״ פון די אַרבעטער און פון די אָרעמע שטייער־צאָלער. זיי נוצן עס אויס די אומצופרידנהייט פון די מאַסן פאַר זייער נאַציאָנאַליסטישער און סאָציאַלער דעמאַגאָגיע.

אַז די אומצופרידנהייט פון די מאַסן איז גרויס באַווייזט אויך דער פאַקט, וואָס כדי אַנטקעגנצושטעלן זיך דער דעמאַגאָגיע פון די רעכטע פּאַרטייען האָט די מפּ״ם לעצטנס באַשלאָסן אַליין אַדורכצופירן צווישן די מאַסן אַן אַקציע קעגן דער... רעגירונג און דער הסתדרות.

אויף דעם 29טן מערץ האָט זי צונויפגערופן אַ צוזאַמענפאָר פון עטלעכע הונדערט פאַבריקס־קאָמיטעטן אין זאַל „מוגרבי״ אין תל־אביב אויף וועלכן די מפּ״ם־פירער האָבן אַטאַקירט די סאָציאַלע פּאָליטיק פון דער רעגירונג און פון הסתדרות.

נאָך די רעדעס האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענומען איינשטימיק די פאָרגעשלאָגענע רעזאָלוציע, וועלכע פאָדערט אויף די רעגירונג און די הסתדרות אָנצונעמען מיטלען אויף צו באַקעמפן די אַרבעטסלאָזיקייט „פון וועלכער עס ליידן צענטליקער טויזנטער משפּחות״; דער צוזאַמענפאָר האָט אויך אויסגעדריקט זיין „ענערגישע קעגנערשאַפט צו די ענדערונגען, וואָס זענען אַריינגעפירט געוואָרן צום ערגערן, אין די ׳באַרעכענונגען פון די יקרות־הוספות... וועלכע נידערן אַראָפּ כסדר דעם רעאַלן לוין און דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטער־מאַסן״.

„דער צוזאַמענפאָר ווענדעט זיך צום ועד הפועל פון הסתדרות אָפּצושאַפן דעם אָפּמאַך, וואָס איז געחתמעט געוואָרן אין דער פראַגע פון תוספת־יוקר מיט דעם פאַרבאַנד פון די אינדוסטריעלער ווי אויך תיכף צו פאָדערן די יקרות־הוספה, וואָס קומט די אַרבעטער פאַר די פּרייזן־פאַרטייערונגען במשך די לעצטע חדשים.

„דער צוזאַמענפאָר פאָדערט אָפּצושאַפן פולשטענדיק דעם סיסטעם פון געבן צייטווייליקע סובסידיעס וועלכע באַצוועקן אַראָפּצונידערן דעם יקרות־אינדעקס און צו שלאָגן די יקרות־הוספות״.

דער צוזאַמענפאָר פאָדערט אויך פון דער רעגירונג און הסתדרות צו פירן אַ פּאָליטיק, פון אַראָפּצונידערן די פּרייזן און אָפּשאַפן די אומדירעקטע שטייערן פון די לעבנס־וויכטיקע פאָלקס־באַדערפענישן.

אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע רעדט זיך אויך קעגן דעם אָפּמאַך, וואָס הסתדרות האָט געשלאָסן בנוגע די רעדוקציעס פון די אַרבעטער אונטערן תירוץ פון „שוואַכער פּראָדוקטיווקייט״. עס ווערט אפילו אויך גערעדט וועגן דער שווערער לאַגע פון די אַראַבישע אַרבעטער און וועגן דעם, אַז די הסתדרות דאַרף עפענען די טויערן פאַר זיי.

אַלץ ריכטיקע פאָדערונגען. דאָך שמעקט דער גאַנצער צוזאַמענפאָר מיטן ריח פון דעמאַגאָגיע. זיצנדיק אין דער רעגירונג איז די מפּ״ם נישט ביכולת אַראָפּצוואַרפן פון זיך די מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. מען קאָן נישט זיצן אין אַ רעגירונג און גלייכצייטיק כלומרשט פירן אָפּאָזיציע קעגן איר, געניסן פון די פּריווילעגיעס פון אַ רעגירונגס־פּאַרטיי און גלייכצייטיק שטיין ׳בראש פון די מאַסן וואָס זענען אומצופרידן פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק.

די דאָזיקע דאָפּלטע, צווייפּנימדיקע פּאָליטיק וועט אויך מוזן פּלאַצן. ס׳וועט דאָס נישט טאָלערירן די מפּא״י, און ס׳וועלן עס אויך נישט טאָלערירן די מאַסן.

די אַלע „פּאַטריאָטישע״ לעקציעס, וואָס עס באַקומען לעצטנס די מאַסן אין אַ זעלכע גרויסע דאָזעס פון דער רעגירונג און פון די רעגירונגס־פּאַרטייען — וועלן מוזן אויפוועקן ביי זיי דעם באַוווּסטזיין, אַז זיי האָבן זיך נישט אויף וועמען צו פאַרלאָזן און אַז זיי מוזן געפונען זייער זעלבשטענדיקן וועג פון קאַמף פאַר זייערע לעבנס־אינטערעסן.

---

## נ. ב. מינקאָוו־קאָמיטעט

אַרויסצוגעבן זיינע דריי בענדער וועגן די יידישע סאָציאַלע און אַרבעטער־פּאָעטן אין אַמעריקע.

עס זענען נאָרוואָס דערשינען נ. ב מינקאָווס דריי בענדער „די פּיאָנערן פון יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע״. אין די בענדער גייען אַריין 22 גרינטלעכע שטודיעס וועגן די פאַרגעסענע סאָציאַלע פּאָעטן. זיי זענען געווען פאָרשטייער פון אַ גאַנצן דור, וואָס האָט געהאָלפן שמידן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, די יידישע קולטור און די יידישע ליטעראַטור.

אין ערשטן באַנד — 336 זייטן — געפינען זיך שטודיעס וועגן: מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער, דוד גאָלדשטיין, נחום באַבאַד, יצחק ריינגאָלד, היימאַן סטרונסקי.

אין צווייטן באַנד — 328 זייטן — בנימין ראָזענבלום, י. ש. פּרענאָוויץ, אברהם ראַדוצקי, ס. לאַפּוכאָוו, יצחק זיילין, חיים אַלעקסאַנדראָוו, עוזר סמאָלענסקין, נייטן לעמפּערט.

אין דריטן באַנד — 328 זייטן — וויליאַם קאַיזער, אַננאַ ראַפּאָרט, מאַטוועי ראָם, יעקב מאַרינאָוו, א. ל. וואָלפסאָן, ש. ז. רובין, יוסף יפה.

אין די דריי בענדער גייען אַריין זעלטענע בילדער פון די פּאָעטן.

דער פּרייז פון די דריי בענדער איז 10 דאָלאַר.

י. באכט

# אקטועלע נאטיצן

## דער גערעכטער קאמף פון די אינוואַלידן

שוין אַ פּאָר יאָר ווי די אינוואַלידן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, די לעבן־פאַרבליבענע · קאַליקעס פון דער מלחמה קעגן היטלערן — פירן אַ קאַמף אַז די ישראל־רעגירונג זאָל זיי פאַר־זיכערן אַ מינימאַלע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט, זאָל זיי אויסצאָלן די רענטעס, וואָס זי האָט זיך מתחייב געווען צו טאָן אין איר שילומים אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד.

אין אַלע לענדער פון דער וועלט באַקומען די דאָזיקע אינוואַלידן לעבנס־לענגלעכע רענטעס פון דער דייטשער רעגירונג. נאָר אין דער יידישער מדינה ווו די רעגירונג האָט באַקומען דערויף געלט פון דייטשלאַנד זענען די אינוואַלידן געווען דיסקרימינירט. אַלע בקשות און ווענדונגען פון פאַרבאַנד פון די אינוואַלידן האָבן ביז איצט קיין שום פעולה נישט געהאַט.

נאָך אַן אַ שיעור ווענדונגען צו דער רעגירונג און צו די כנסת־פראַקציעס האָט די כנסת ענדלעך מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק גענומען זיך צו באַהאַנדלען דעם ענין. דער אויסגעאַרבעטער געזעץ־פּראָיעקט האָט די גאַנצע צייט געוואַנדערט צווישן דער כנסת און די רעגירונגס־קאָמיסיעס. דערביי איז דער פּראָיעקט געווען אַזאַ, וואָס האָט נאָר אַרויסגערופן אַ פרישע פאַרביטערונג ביי דער מערהייט פון די אינוואַלידן.

צום סוף האָט געפּלאַצט די געדולד פון די אינוואַלידן — און דינסטיק דעם 2טן אַפּריל האָבן זיי איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער כנסת אין ירושלים. ס׳איז געווען אַ מאַקאַברישע דעמאָנ־סטראַציע. פּאָליציי האָט געוואָלט די דעמאָנסטראַציע צעטרייבן און ס׳איז דערגאַנגען, — אַ חרפה און אַ בושה! — צו אַ געשלעג צווישן די פּאָליציאַנטן און די קאַליקעס.

אָט ווי עס באַשרייבט דער „מעריב" פון 13טן אַפּריל די דאָ־זיקע דעמאָנסטראַציע:

„פּראָטעזעס האָבן זיך געקאָלערט איבערן שאָסיי, קוליעס זענען געפלויגן אין אַלע זייטן, מענטשן האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד, מיט די קאַליקע־פיס אין דער הייך, פרויען האָבן מיט צאָרנדיקן כעס זיך געראַנגלט מיט די פּאָליציאַנטן. ס׳איז געווען אַ גרויל־פאַרשטעלונג ביים אַריינגאַנג פון דער כנסת. און דו האָסט נישט געוווסט אויף וועמען זיך מרחם צו זיין: אויף די אומגליקלעכע, וועלכע האָבן נישט געזען פאַר זיך קיין אַנדער וועג ווי אַזוי אויס־צודריקן זייער אַנטוישונג צי אויף די יידישע פּאָליציאַנטן וועלכע זענען געווען געצוווּנגען צוליב זייער דינסט צו באַנוצן כוח קעגן די דעמאָנסטרירנדיקע קאַליקעס".

פאַרן שליסן דעם נומער ווערן מיר געוויר, אַז די דעמאָנסטראַציע האָט פונדעסטוועגן יאָ געהאַט איר ווירקונג, זי האָט צעשמאָלצן דאָס אייז פון די הערצער פון די כנסת־מיטגלידער. די כנסת האָט אָנגענומען אַן אויסגעבעסערטן געזעץ־פּראָיעקט, וואָס איז נאָענט צו די פאָדערונגען פון אינוואַלידן־פאַריין.

צי וואָלט נישט געווען בכבודיקער ווען די כנסת נעמט אָן דעם דאָזיקן געזעץ־פּראָיעקט, איידער עס איז דערגאַנגען צו דער דאָזיקער גרויל־דעמאָנסטראַציע?

## צוליב זיכערקייטס-טעמים...

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז געשען אַ פאַל וואָס מוז אַרויס־רופן באַאומרואיקונג און עמפּערונג ביי דער אַרבעטנדיקער באַפעל־קערונג אין לאַנד. אויפן באַפעל פון זיכערקייטס־מיניסטעריום, ב־ראש פון וועלכן עס שטייט בן־גוריון, זענען, אויפן סמך פון געזעץ וועגן אויסנאַם־צושטאַנד, אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט אין דער חיפהער נאַפט־ראַפינעריע 12 אַרבעטער, 8 יידן און 4 אראַבער. די אַרבעטער זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן צוליבן חשד פון אָנגעהע־ריקייט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. די אָפּגעזאָגטע האָבן זיך געוואָנדן צום חיפהער אַרבעטער־ראַט, אַז ער זאָל אינטערוועגירן קעגן דער פאַראָרדענונג פון זיכערקייטס־מיניסטעריום. דער פאָרשלאַג איז געשטיצט געוואָרן פון די קאָמוניסטן, פון מפּ"ם, אחדות העבודה, ציונים כלליים און העובד הציוני. די מפּא"ישע מערהייט פון אַרבעטער־ראַט האָט אָבער דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן.

דאָס אַרויסוואַרפן אַרבעטער פון דער אַרבעט צוליב פּאָליטישע איבערצייגונגען, אפילו ווען זיי זענען קאָמוניסטן, איז אַ געפערלעכער פּרעצעדענס, וואָס קאָן האָבן אַ פאַטאַלע ווירקונג אויף די פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין לאַנד. באַזונדערס געפערלעך איז עס אָבער ווען דאָס ווערט געטאָן אונטערן תירוץ פון זיכערקייטס־טעמים, ווען אונטער די דאָזיקע „טעמים" געפונען זיך געוויינלעכע פּאַרטייאישע חשבונות.

אָט וואָס עס שרייבט וועגן דעם דער „הארץ" (פון 29טן מערץ), וועלכן מען קאָן זיכער נישט חושד זיין אין סימפּאַטיעס צום קאָמוניזם.

„די אָפּגעזאָגטע האָבן געאַרבעט אין דער ראַפינעריע פון 6 ביז 12 יאָר. אַלע זענען זיי קוואַליפיצירטע פאַך־אַרבעטער. דער רוב פון די אָפּגעזאָגטע זענען באַפרייטע זעלנער, וואָס דינען אין רע־זערוו־דינסט און אַ טייל פון זיי האָבן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער סיני־אַקציע".

אויב זיי זענען נישט געווען געפערלעך אין מיליטער און בעת דער סיני־אַקציע טאָ ווי קאָנען זיי זיין געפערלעך אין דער ראַפינעריע, ווו זיי אַרבעטן שוין פון 6 ביז 12 יאָר?

דער „הארץ שרייבט ווייטער:

„ס׳איז שווער אַרויסצוטרעטן קעגן זיכערקייטס־אָפּשאַצונגען, אָבער אין דאָזיקן פאַל אַנטשטייען חשדים, אַז אונטער דער פּרשה באַהאַלטן זיך פּאַרטייאישע אויסרעכענונגען.

„די אָפּגעזאָגטע טענהען, אַז זייער רעדוקציע האָט דעם ציל אַנצו־וואַרפן אַ מורא אויף די אַרבעטער און מיט דעם משפיע זיין אויף דער וואַגשאָל כדי די מפּא"י זאָל באַקומען אַ מערהייט אין נייעם פאַבריקס־קאָמיטעט".

דער „הארץ" פאַרענדיקט זיין נאָטיץ:

„אויב ס׳וועט זיך באמת אַרויסווייזן, אַז די תקנות פון אויסנאַם־צושטאַנד ווערן באַנוצט צוליב הוילע פּאַרטייאישע צוועקן איז דאָס עלול צו שאַפן אַ געפערלעכן פּרעצעדענס. מען וועט קאָנען אונטער דעם דאָזיקן תירוץ אָפּזאָגן יעדן אַרבעטער, וועלכער וועט נישט געפעלן ווערן דעם סעקרעטאַריאַט פון אַרבעטער־ראַט אָדער פון דער פּאַרטיי, וועלכע געפינט זיך אין דעם מאָמענט ביי דער מאַכט".

## דער פּראָצעס איבער כפר קאַסעם

ווען מיר שרייבן די שורות דויערט נאָך דער פּראָצעס איבער די 11 באַשולדיקטע אינעם מאָרד פון 47 אַראַבער אין כפר קאַסעם אינעם אָוונט פון 29טן אָקטאָבער. בלויז אַ טייל פון פּראָצעס קומט פאָר ביי אָפענע טירן. נישט אַלע פּרטים וועלן דערפאַר קאָנען ווערן באַ־קאַנט דער עפנטלעכקייט.

לויט דער באַשולדיקונגס־רעדע פונעם פּראָקוראָר, וועלכע ווערט דורך קיינעם נישט אָפּגעלייקנט איז קלאָר, אַז דער מאָרד איז דורכ־געפירט געוואָרן איבער אומשולדיקע אַראַבער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים נישט וויסנדיק, אַז אין די דערפער איז פּראָ־קלאַמירט געוואָרן „אויסנאַם־צושטאַנד". די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען דאַרפן נאָר אויפקלערן: ווער איז שולדיק אין דעם מאָרד, צי די וואָס האָבן אים אויסגעפירט? צי די וואָס האָבן געגעבן דעם באַפעל? און ווער האָט דאָס געגעבן דעם באַפעל?

דער באַשולדיקטער אָפיציר גבריאל דהאַן, אָנפירער פון דער אָפּטיילונג, וואָס האָט איינגעפירט דעם אויסנאַם־צושטאַנד אין כפר קאַסעם, דערקלערט, אַז ער האָט בפירוש באַקומען אַ באַפעל פון רב סרן (מאַיאָר) מעלינקי, אַז „מען זאָל שיסן און דערהרגענען יעדן, וואָס וועט געזען ווערן" אין דער צייט פון עוצר. ער זאָל דערביי האָבן דערקלערט, אַז „ס׳איז גוט, אַז ס׳זאָלן זיין אַ פּאָר דערהרגעטע, וועט זיין רואיק אינעם געגנט.

דער מאַיאָר מעלינקי וועלכער איז דער ערשטער אויף דער באַ־שולדיקונגס־באַנק דערקלערט פון זיין זייט, אַז ער האָט אַזאַ באַפעל באַקומען פון זיין העכערער מאַכט דעם אלוף משנה (לייטענאַנט־קאָלאָנעל) שאַדמי.

מעלינקי דערקלערט, אַז אויף דער פראַגע וואָס ער זאָל טאָן מיט די אַראַבער, וואָס וועלן צוריקקערן זיך אַהיים און וועלן נישט וויסן, וועגן אַרויפגעלייגטן „עוצר", זאָל אים שאַדמי האָבן געזאָגט:

„כ׳וויל נישט קיין סענטימענטן און כ׳וויל נישט קיין אַרעסטי־רונגען". און ווען ער האָט נאָכאַמאָל געפרעגט, וואָס ער זאָל דאָך טאָן — האָט אים יענער געענטפערט אין אַראַביש. „זאָל זיך אַללאַ מרחם זיין". דער אלוף משנה שאַדמי דאַקעגן דערקלערט, אַז מען האָט שלעכט אויסגעטייטשט זיין באַפעל.

מיר וועלן זיך נישט אַריינמישן אין גאַנג פון די געריכטס־פאַר־האַנדלונגען, עס זעט אָבער אויס משונהדיק, פאַרוואָס דער אלוף משנה שאַדמי, וועלכער ווערט באַשולדיקט אין געבן דעם באַפעל צו שיסן,

# פראַנקרייך און ישראל

בעת די גאַנצע ישראל־פּרעסע שרייבט אַזוי פיל וועגן דער פריינטשאַפט צווישן פראַנקרייך און ישראל; בעת אין לאַנד קומען פאָר לעצטנס אָפטע באַזוכן פון פראַנצויזישע מלוכה־מענער און גענעראַלן וועלכע שטרייכן אומאויפהערלעך אונטער די דאָזיקע פריינטשאַפט איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט דער מיינונג פון הויפּט־רעדאַקטאָר פון פּראָגרעסיוון דעמאָקראַטישן אָרגאַן „פראַנס־אָבסערוואַטאָר" און פירער פון „נייעם לינקן בלאָק" אין פראַנקרייך זשיל מאַרטינע, וועלכער האָט אויך לעצטנס באַזוכט ישראל.

זשיל מאַרטינע איז איינגעלאַדן געוואָרן קיין ישראל דורכן קאָמוניקאַציע־מיניסטער, משה כרמל פון „אחדות העבודה", אָבער, ווייזט אויס, צוליב די שאַרפע חילוקי־דעות אין דער אָפּשאַצונג פון דער סיני־אַקציע, איז זשיל מאַרטינע אויפגעטרעטן אין קיבוץ „נחשונים" פון השומר הצעיר, און אין מפ"מישן קלוב „צוותא" אין תל־אביב. ער האָט אויך זיינע מיינונגען איבערגעגעבן אין אַ אינטערוויו מיטן קאָרעספּאָנדענט פון „אָבסערוואַטאָר" אין ישראל אַלי סלע, און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „על המשמר" פון 26טן מערץ.

מיר ברענגען דאָ גרעסערע אויסצוגן פון דאָזיקן אינטערוויו:

## וועגן ישראל־אראבישן שלום

פראַגע: ווי זעען אויס, לויט אייער מיינונג, די אויסזיכטן פון שלום אין מיטעלן מזרח?

ענטפער: אויב די גרויסמאַכטן וואָלטן מסכים געווען צו אַ נייטראַליזאַציע פון מיטעלן מזרח, און אויב זיי וואָלטן אַ סוף געמאַכט צו דער פּאָליטיק פון מיליטערישע באַזעס און אָפּגעשטעלט די געווער־ליפערונגען, איז קלאָר, אַז די אויסזיכטן פון אַ שלום צווישן מדינת ישראל און די אַראַבישע לענדער וואָלטן געקאָנט אַריינטרעטן אין אַ שטופּע פון רעאַליזאַציע.

אוודאי, זענען מיר נאָך היינט ווייט פון דאָזיקן מצב, יעדע מדינה אין מיטעלן מזרח שפּאַרט זיך אָן אויף דער הילף אָדער אויף דער אונטערשטיצונג פון אַ גרויסמאַכט אָדער פון עטלעכע גרויסמאַכטן. אין די דאָזיקע באַדינגונגען, איז אָן ספק פאַראַן זייער אַ באַגרענעצט אָרט פאַר א ישראלשער איניציאַטיוו. אָבער אויך אין די ראַמען פון די דאָזיקע באַדינגונגען איז מעגלעך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס צו פאַרשנעלערן אָדער צו דערווייטערן דאָס איינשטעלן דעם שלום אין דעם געביט. ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין, ווען מען געפינט זיך דאָ, ווי ווייט מען קאָן פאַרלאָקט ווערן פון אַ פּאָליטיק פון כוח.

דאָס פאַרנעמען דעם עזה־פּאַס איז אפשר עלול צו פאַרזיכערן אויף אַ געוויסער צייט די זיכערקייט אויף די גרענעצן. אָבער פון דער צווייטער זייט וועט עס אָפּשטופּן אויף נאָך אַ לענגערער צייט די שעה פון פאַנאַנדערפאַל פון פאַראייניקטן פראָנט פון די אַראַבישע מדינות קעגן ישראל, און אויך דעם מאָמענט, ווען געוויסע פון די דאָזיקע מדינות וואָלטן מסכים געווען אָנצוהייבן פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ שלום, וואָס וואָלט זיי פאַרפליכטעט צו אָנערקענען דעם געשעענעם פאַקט, דאָס הייסט, צו פולער אָנערקענונג פון מדינת ישראל.

## פראַנקרייך און די סיני־אַקציע

פראַגע: בעת דער סיני־אַקציע האָט עס אויסגעזען ווי דער „פראַנס־אָבסערוואַטאָר" — איז געווען נוטע — ווען אפילו מיט געוויסע באַוואָרענישן — איינצושליסן אין אַ בשותפותדיקע פאַראורטיילונג די האַנדלונגען פון פראַנקרייך און ענגלאַנד און אויך די האַנדלונג פון מדינת ישראל. צי שטייט איר נאָך אַלץ אויפן דאָזיקן שטאַנדפּונקט?

ענטפער: מיר האָבן אַלעמאָל געמאַכט אַן אונטערשייד צווישן די סיבות פון דער ענגליש־פראַנצויזישער אַריינמישונג און דער האַנדלונג פון ישראל — ס'איז אָבער ריכטיק, אַז מיר האָבן נישט מיט קיין גענוגנדיקער קלאָרקייט אָפּגעשאַצט דעם אמתן מצב פון דער יינגער מדינת ישראל און מיר האָבן נישט גענוג אונטערגעשטראָכן אונזער ווילן אונטערצושטיצן דעם זיכערקייטס־מצב פון ישראל. דאָך בין איך אַלץ נאָך איבערצייגט, אַז אָן דער פראַנצויזישער מיליטערישער הילף (און אָן דער ידיעה וועגן די מיליטערישע צוגרייטונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך) וואָלט די ישראל־רעגירונג נישט געוואָגט אָנצוהייבן די סיני־אַקציע.

די ישראלים וועלן באַגיין אַ זייער שווערן טעות אויב זיי וועלן כאָטש אויף איין מינוט מיינען, אַז די מיליטערישע הילף איז זיי געגעבן געוואָרן אָן אַ חשבון און אָן באַדינגונגען. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אין דעם אָנגריף קעגן מצרים געזען אַ שעת־הכושר אַרויסצודרייען זיך פון איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין אַלזשיר און צו פּראָבירן אויסצוברייטערן די מלחמה, וועלכע זי אַליין איז נישט מסוגל צו פאַרענדיקן. די זיכערקייט פון ישראל איז געווען דעריבער די לעצטע דאגה פון דער פראַנצויזישער רעגירונג. און נאָך אַלעמען בין איך איבערצייגט, אַז די דאָזיקע זיכערקייט זעט נישט היינט אויס צו זיין פעסטער ווי זי איז געווען נעכטן.

דאָס איז אַ לעקציע, פון וועלכער די ישראלישע סאָציאַליסטן דאַרפן לערנען. דער בונד מיט דעם אַלטן קאָלאָניאַליזם איז נישט קיין שום גאַראַנטיע פאַר דער זיכערקייט, מחמת דער דאָזיקער אימפּעריאַליזם שווימט קעגן דעם שטראָם פון דער געשיכטע.

## וועגן אלזשיר

פראַגע: איר האָט דערמאַנט וועגן אַלזשיר, איז אפשר וועט איר אונז זאָגן, ווי ס'איז די שטעלונג פון „פראַנס־אָבסערוואַטאָר" און פון „לינקן בלאָק" אין דער דאָזיקער פראַגע?

ענטפער: מיר האַלטן אַז ס'איז נויטיק צו פירן שלום־פאַרהאַנדלונגען מיט דעם אַלזשירישן פאָלק, דאָס הייסט, מיט די פירער פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אינעם איצטיקן מצב, זעט אונז אויס צו זיין די אַנטשטייונג פון אַן אַלזשירישער רעפּובליק אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך, מיר זענען איבערצייגט, אַז אויב די פאַרהאַנדלונגען וועלן זיך אָנהייבן נאָך צו דער צייט וועט די דאָזיקע רעפּובליק קאָנען זיין פאַרבונדן מיט פראַנקרייך אויף אַ פעדעראַלן פּרינציפּ. מיר האַלטן, אַז די רעכט פון דער אייראָפּעאישער מינדערהייט דאַרפן זיך באַזירן אויף ממשותדיקע גאַראַנטיעס און אויף דעם פּרינציפּ פון טאָפּלטער בירגערשאַפט, (דאָס הייסט פון פראַנצויזישער און אַלזשירישער בירגערשאַפט).

## ישראל — א געשעענער פאקט

פראַגע: דער אָפיציעלער קאָמוניזם פאַרלייקנט די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק און וואַרפט דעריבער אָפּ די ציוניסטישע לייזונג. די ציוניסטישע באַוועגונג ווערט געשטעמפּלט ווי אַ נאַציאָנאַליסטישע און רעאַקציאָנערע. ווי איז אייער שטאַנדפּונקט אין דער דאָזיקער פראַגע?

ענטפער: אומאָפּהענגיק פון אַמאָליקן וויכוח דאַרף די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג זען אין דער ישראל־נאַציע אַ היסטאָרישן פאַקט. אויפן יסוד פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט דאַרף געפירט ווערן דער וויכוח אַרום די פאַרפלאָנטערטע פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. איך גלויב אין דער צוקונפט פון דער ישראלישער נאַציע און אין דעם נאַטירלעכן פאַרשווינדן פון ציוניזם. (כאָטש אָן אים וואָלט נישט אַנטשטאַנען די ישראלשע נאַציע). אין פראַנקרייך צבש. נעמט די דאָזיקע באַוועגונג אַרום נאָר אַ קליינעם טייל פון דער יוגנט פון יידישער אָפּשטאַמונג. און צום סוף מוז איך אונטערשטרייכן אַז אין דער ציוניסטישער באַוועגונג גופא עקזיסטירן סיי נאַציאָנאַליסטישע און רעאַקציאָנערע כוחות און סיי אמתדיקע פּראָגרעסיווע שטראָמען.

פראַגע: וואָס איז, לויט אייער מיינונג, די ראָל וואָס עס קאָן שפּילן דער „פראַנס־אָבסערוואַטאָר" און דער „לינקער בלאָק" פאַר אויפשטעלן אַ בריקן־קאָפּ צווישן די פּראָגרעסיווע כוחות פון ישראל און פון די אַראַבישע לענדער — אין מיטעלן מזרח און אין צפון־אַפריקע?

ענטפער: די מענטשן פון די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען אין צפון־אַפריקע און אין מיטעלן מזרח ווייסן, אַז מיר האָבן געקעמפט אָן אָפּהאַלט קעגן קאָלאָניאַליזם אין אַלע זיינע פאָרמען. מיר זענען איבערצייגט, אַז עס איז אונזער פליכט אויסצונוצן די גאַנצע השפעה, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אין דאָזיקן געראַנגל אויף צו דינען דער זאַך פון אַ דירעקטן משא ומתן צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער. דאָס איז פאַרשטייט זיך נישט קיין לייכטע אויפגאַבע, אָבער מיר וועלן זיך באַמיען מיט אַלע אונזערע מיטלען, און מיר וועלן פּרובירן צו איניציאירן אַזאַ דירעקטן קאָנטאַקט. צוליב דעם צוועק וועלן מיר זיך ווענדן נאָך הילף צו די סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע פאַקטאָרן אין ענגלאַנד, איטאַליע, יוגאָסלאַוויע, פּוילן און אַנדערע.

---

טרעט אויף אַלס עדות און זיצט נישט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק צוזאַמען מיט די איבעריקע עלף.

און מיר וועלן דאָ נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז אין די פּערזאָנען וואָס זיצן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, דאָ גייט אין דער אַטמאָספער, וועלכע האָט געמאַכט מעגלעך סיי אַרויסצוגעבן אַזעלכע באַפעלן, סיי אַז די זעלנער און אָפיצערן זאָלן אָן שום אינערלעכע סקרופּולן אויספירן אַזעלכע מאָרד־באַפעלן.

י. אַרטוסקי

# דער דערנער־וועג צום סאָציאַליזם

(מחשבות צום ערשטן מאַי)

### פאַרקריפּלט דעם גאַנג פון דער מענטשהייט

דער טאָג פון ערשטן מאַי איז סיי אַ מאָביליזאַציע־טאָג פון אַרבעטער־קלאַס פאַר דעמאָנסטרירן זיינע כוחות און פאָדערונגען און סיי אַ טאָג פון חשבון הנפש פאַר די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון זייער דורכגעגאַנגענעם וועג אינעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם.

עס זענען געווען צייטן ווען אַזאַ חשבון הנפש איז געווען לייכט צו מאַכן, ווען דער באַוווסטזיניקער טייל פון אַרבעטער־קלאַס האָט געפילט, אַז מיט יעדן טריט וואָס ער האָט געשטעלט, מיט יעדער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַקציע, וואָס ער האָט דורכגעפירט, האָט ער זיך דערנענטערט צום ציל. עס זענען ראַשיק געוואַקסן די מחנות פון סאָציאַליסטישן קאַמף; עס זענען אָנזעעוודיק געווען די דערגרייכונגען: די אויסגעקעמפטע פּאָליטישע רעכט, די דורכגעפירטע סאָציאַלע רעפאָרמען, דער וואַקסנדיקער קלאַסן־באַוווסטזיין און די געפילן פון אונטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט ביי די ברייטע מאַסן. ס'האָט געהערשט דער טיפער גלויבן אַז דער אידעאַל פון סאָציאַליזם, וואָס דאַרף ברענגען אַ נייעם וועלט־סדר געבויט אויפן יסוד פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט פאַר אַלע מענטשן און פעלקער איז נישט קיין אוטאָפּיע, אַז דער דאָזיקער אידעאַל מוז זיגן, אַז ס'איז נישט פאַראַן אַזאַ כוח, וואָס זאָל קאָנען אָפּהאַלטן זיין גאַנג פאָרויס.

זינט יענער צייט זענען יאָרן אַוועק. משוגענע, קאָשמאַרנע יאָרן. נישט בלויז איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער גאַנג פאָרויס צום סאָציאַליזם, נאָר עס זענען חרוב געוואָרן די פּרוכטן פון צענטליקער יאָרן סאָציאַליסטישער טעטיקייט. עס זענען אויפגעקומען פון איין זייט דער דעגענערירטער סטאַליניסטישער קאָמוניזם, פון דער צווייטער זייט דער בעסטיאַלישער פאַשיזם — וואָס הגם קעגנזעצלעך אין זייער גענעזע און אידעאָלאָגיע — האָבן זיי ביידע געברענגט מיט זיך אַ פינצטערע תקופה פון בלוטיקן טעראָר, געצנדינערישן פירער־קולט און טאָטאַליטאַרער שקלאַפעריי. ביידע די רעזשימען האָבן אויסגעראָטן די קאַדרען פון סאָציאַליסטישן פרייהייטס־קאַמף; האָבן דעמאָראַליזירט און גייסטיק־פאַרסמט די באַהערשטע דורך זיי מאַסן.

אויב דער היטלעריזם האָט זיך באַזונדערס נאָך „אויסגעצייכנט" מיט זיין העסלעכער ראַסן־טעאָריע און יידן־מאָרד, האָט דער סטאַליניזם דערפאַר צו פאַרצייכענען אויף זיין ספּעציעלער קאָנטע די שענדלעכע פעלשונג, וואָס ער איז באַגאַנגען לגבי דעם סאָציאַליזם מיט דעם־ וואָס ער האָט זיך זעלבסטגעקרוינט ווי דער יורש און פאַרווירקלעכער פון די אידייען פון מאַרקס און ענגעלס און וואָס ער האָט זיין פאַרברעכערישן רעזשים איינגעהילט אין דער קדושה פון „פאַרווירקלעכטן סאָציאַליזם". ער האָט דערמיט אויך אַרונטערגעריסן און קאָמפּראָמיטירט די אידייע פון סאָציאַליזם און האָט צעטרייסלט דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון רעאַליזירן דעם אמתן, פרייהייטלעכן סאָציאַליסטישן אידעאַל.

דער סטאַליניזם און פאַשיזם האָבן פאַרקריפּלט דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע; זיי האָבן איבערגעהאַקט דעם גאַנג פאָרויס צום סאָציאַליזם און האָבן אומגעהויער באַשווערט די אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

### די אומוועגן פון סאָציאַליזם

דער קאַמף קעגן פאַשיזם און קאָמוניזם, ווי די צוויי גרעסטע שונאים פון דער מענטשהייט און פון סאָציאַליזם, האָט זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון די אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס האָט אָבער פון דער צווייטער זייט אַרויפגעלייגט אַ שעדלעכן חותם אויף דער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

די מורא פאַר ביידע טאָטאַליטאַרע רעזשימען און נאָך דער פאַרניכטונג פון היטלעריזם, די מורא פאַרן סאָוויעטישן אימפּעריאַליזם האָט געשטויסן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויפן וועג פון פאַרבונדן זיך מיט די הערשנדיקע קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט די מעגלעכקייטן און די מיטלען אויף צו אָרגאַניזירן דעם כוח פון ווידערשטאַנד קעגן דער דראָענדיקער געפאַר. די סאָוויעטישע קאָמפּראָמיטאַציע פון דער אידייע פון סאָציאַליזם און פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף האָט אויך געשטאַרקט די רעפאָרמיסטישע טענדענצן אין דער ארבעטער־באַוועגונג. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרלוירן איר זעלבשטענדיקן סאָציאַליסטישן און אינטערנאַציאָנאַליסטישן כאַראַקטער; די אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג האָט בכלל זיך אָפּגעפרעמדט פון סאָציאַליסטישן אידעאַל און זיך אָפּן געשטעלט אויף די פּאָזיציעס פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. אין אַנדערע לענדער זענען די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אין זייער צוזאַמענאַרבעט מיט די בורזשואַזע קלאַסן, אַריבער אויף נאַציאָנאַליסטישע און אפילו אימפּעריאַליסטיש־קאָלאָניאַליסטישע פּאָזיציעס.

דאָס האָט געפירט דערצו, אַז אין פאַרקומענדיקן היסטאָרישן געראַנגל צווישן די צוויי וועלט־בלאָקן, פון מערב און מזרח, וואָס איז עלול צו דערפירן צו אַן אַלץ פאַרניכטנדיקער וועלט־מלחמה האָט די אַרבעטער־באַוועגונג זיך אַרויסגעוויזן אומפעאיק צו שאַפן אַ זעלבשטענדיקן דריטן כוח, וואָס זאָל פאַרבינדן דעם קאַמף קעגן קאָמוניזם מיט דעם קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם פאַר אַ נייעם סאָציאַליסטישן וועלט־סדר. דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט באַדאַרפט ווערן דער צענטער פון אַזאַ דריטן כוח האָט זיך אַרויסגעוויזן אוממעכטיק פאַר דער דאָזיקער ראָל מחמת אַ באַדייטנדיקער טייל פון די אַנגעהעריקע צו אים סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פילן זיך נענטער פאַרבונדן מיט דער אייגענער „נאַציאָנאַלער" בורזשואַזיע, ווי מיט די אינטערנאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער מענטשהייט, ווי מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אידייע פון סאָציאַליזם.

דאָס איז אויך איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פאַרוואָס די נאַציאָנאַלע אויפוואַכונג פון די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע פעלקער האָט אָנגענומען די פאַרקריפּלטע פאָרמען פון טעראָריסטישן קאַמף און פאַרוואָס בראש פון דער דאָזיקער אויפוואַכונג האָבן זיך געשטעלט די רעאַקציאָנער־פעאָדאַלע און דיקטאַטאָרישע עלעמענטן. דער אייראָפּעאישער סאָציאַליזם איז אין אַ גרויסער מאָס קאָמפּראָמיטירט געוואָרן אין די אויגן פון די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע פעלקער־מאַסן.

***

אין רעזולטאַט פון פאַשיזם און קאָמוניזם האָט זיך פאַרענדערט דאָס פּאָליטישע פנים פון דער וועלט און ס'איז קאָמפּליצירטער און פאַרפּלאָנטערטער געוואָרן דער געראַנגל פאַר סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג לעבט איבער שווערע צייטן. זי עקזיסטירט נישט כמעט אין אַמעריקע, אין דעם גרעסטן אינדוסטריעלן לאַנד פון דער וועלט מיט אַ מעכטיקן און גוט־אָרגאַניזירטן אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט פּראָלעטאַריאַט. די עקזיסטירנדיקע דאָרט צעשפּליטערטע סאָציאַליסטישע גרופּן זענען אָן ווירקונג און באַדייטונג. אין אייראָפּע, אינעם וויגל פון סאָציאַליזם איז זי פאַרבליבן געאָגראַפיש איינגעשרומפּן. זי ליגט אַ צעשמעטערטע אין די סאָוויעטיש־באַהערשטע לענדער און אין שפּאַניע. נאָך היטלערס מפּלה איז זי צוריק אויפגעשטאַנען אין מערב־דייטשלאַנד; זי פאַרמאָגט אָבער נישט דעם גלאַנץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט אַמאָל אין די צייטן פון קאַוטסקי, בעבעל און ליבקנעכט. אין פראַנקרייך האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זיך קאָמפּראָמיטירט און אַרונטערגעריסן מיט איר שמוציקער מלחמה אין אַלזשיר און אין סועץ־געביט. אויך אין די איבעריקע לענדער האָט זי נישט צו פאַרצייכענען קיין גראַדע און ראַשיקע דערפאָלגן.

### דער דאָרניקער באַרג־אַרויף

דאָך וואָלט פאַלש געווען צו מאַכן דערפון פּעסימיסטישע אויספירן. ס'איז גענוג אַריינצוקוקן טיפער אין דעם געדיכטן וואַלד פון די פאַרפּלאָנטערטע געשעענישן, כדי צו דערזען, ווי דורך אומוועגן און זיגזאַגן שלאָגט די מענטשהייט זיך אַ דורך איר וועג צום סאָציאַליזם.

לאָמיר טאַקע אָנהייבן מיט דייטשלאַנד, ווי מיט 15 יאָר צוריק איז נאָך היטלער געווען אויפן סאַמע הויך־שפּיץ פון זיין מאַכט. ער האָט געהאַלטן ביים באַזיגן די גאַנצע וועלט און איינשטעלן זיין 1.000 יאָריקן רייך. ווער האָט דאַן געגלויבט, אַז ער וועט אַזוי שנעל איינגעמען אַ וויסטע מפּלה און אַז אויף די חורבות פון זיין רעזשים וועט ווידער אויפשטיין אַ מעכטיקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע איז היינט צוטאָג די צווייט־גרעסטע פּאַרטיי אין לאַנד. אַוודאי פאַרמאָגט נישט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אירע אַמאָ־

ליקע קאַדרען, אוודאי פאַרמאָגט זי אירע בלויזן און חסרונות — אָבער דער פאַקט גופא, וואָס די פאַרטיי איז אויפגעשטאַנען צוריק צום לעבן און וואָס זי באַווירקט גרויסע מאַסן פון דייטשן פאָלק איז אַ באַווייז פון אומבאַזיגבאַרקייט פון סאָציאַליסטישן געדאַנק.

און נאָך דייטשלאַנד שטייט איצט אויפן סדר־היום די סאָוויעטישע אימפעריע. נאָך מיט 4—3 יאָר צוריק האָט וויייניק־ווער זיך פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט קאָנען דערגיין צו אַזאַ אויפשטאַנד ווי ס׳איז געווען אין אונגאַרן און אַפילו צו דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, ווי זיי זענען פאָרגעקומען אין פוילן. וואָס שייך אונגאַרן קאָן נישט זיין קיין ספק, אַז דער אויפשטאַנד איז דאָרט פאָרגעקומען נישט כדי צוריקצושטעלן דעם אַלטן פעאָדאַל־קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, נאָר פאַר „אַ פרייער, אומאָפּהענגיקער, דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער אונגאַרן". (פון מאַניפעסט פון רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט). און אַז די סאָציאַליסטישע פאַרטיי, וועלכע איז יאָרן געווען דערשטיקט פון קאָמוניסטישן טעראָר האָט געשפּילט אַן אַנזעעוודיקע ראָל אין די דאָרטיקע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן.

די געשעענישן אין אונגאַרן און אין פוילן זענען נישט קיין אָפּגעריסענע עפּיזאָדן, נאָר זענען אַן אָנהייב פון אַ פּראָצעס, וועלכער הייבט זיך אָן, אונטער פאַרשיידענע פאָרמען, אין אַלע לענדער פון דער סאָוויעטישער דיקטאַטור. די סאָוויעטישע דיקטאַטור איז שוין אַריבער דעם העכסטן באַרג־שפּיץ פון אירע דערפאָלגן; אין איר באַרג־אַראָפּ וועט זי מער נישט קאָנען דערשטיקן מיט די אַלטע מעטאָדן דעם וואַקסנדיקן דראַנג צו פרייהייט. און דער וועג צו פרייהייט פון די סאָוויעטישע מאַסן וועט מוזן זיין אַ וועג נישט צוריק צום קאַפּיטאַליזם, נאָר פאָרויס צום סאָציאַליזם.

דער קריזיס פון סאָוויעטישן רעזשים האָט אויך צעטרייסלט די יסודות פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין דער וועלט; כמעט אין אַלע קאָמוניסטישע פאַרטייען גייט אָן אַ טיפער פערמענטירונגס־פּראָצעס; לאַנגיאָריקע טוער און מיטלויפער רייסן איבער מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און דערנענטערן זיך צום סאָציאַליסטישן לאַגער. פון היסטאָרישער באַדייטונג איז דער פאַקט, וואָס די איטאַליענישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון פּעטראָ נעני, די צווייטגרעסטע פאַרטיי אין לאַנד, און וועלכע איז אין משך פון אַ רייע יאָרן געווען אידעאָלאָגיש פאַרשקלאַפט צום קאָמוניזם האָט איבערגעריסן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און זיך דערנענטערט צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

פון גרויסער היסטאָרישער באַדייטונג איז די אַנטוויקלונג, וואָס עס מאַכט אַדורך די ענגלישע לייבאָר־פאַרטיי; די פּאָליטישע שטאַנד־האַפטיקייט, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן קעגן דער אייגענער בורזשואַזיע אין דער פראַגע פון סועץ־קאַנאַל, די פאַרשטאַרקונג פון דער לינקער בעוואַן־ריכטונג, און דער וווּקס פון די איינפלוסן פון דער פאַרטיי צווישן די מאַסן, ווי זיי זענען געקומען צום אויסדרוק ביי די לעצטע צוגאַב־וואַלן צום פאַרלאַמענט.

אויך אין אַמעריקע טאָר מען נישט פאַרזען די אַנטוויקלונג, וואָס עס מאַכט אַדורך די דאָרטיקע אַרבעטער־באַוועגונג; דאָס וואָס דאָס לעצטע יאָר האָט די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, וועלכע איז יאָרן־לאַנג געווען צעשפּאָלטן, צוריק זיך פאַראייניקט, וואָס זי האָט פאַרוואָרפן די מורא פאַר „פּאָליטיק", און וואָס זי ווערט אַלץ מער אַקטיוו אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, וועט לסוף מוזן זי פירן אויפן וועג פון שאַפן אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטער־פאַרטיי.

און צום סוף: דער אומגעהויערער היסטאָרישער פאַקט, וואָס דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַנטשטאַנען אַ זעלבשטענדיקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַזיע און אַפריקע; אַ באַוועגונג, וואָס שפּילט שוין אַ גרויסע ראָל אין אַ רייע לענדער, ווי אין אינדיע, בורמע, צייל אָן, טוניס, און אַנדערע. פאַר דעם אויסווירקונגס־כוח פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אינדיע צב"ש, איז באַמערקנסווערט דער פאַקט, וואָס די גרעסטע פאַרטיי אין לאַנד, די קאָנגרעס־פאַרטיי פון פאַנדיט נעהרו, האָט אויף איר לעצטן צוזאַמענפאָר געענדערט איר פּראָגראַם און אנגעגעבן איר אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער.

די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז היינט צו טאָג גרעסער לויט איר צאָל מיטגלידער און אָנהענגער, ווי זי איז געווען ווען עס איז אין דער געשיכטע. ביי אַלע אירע שוואַכקייטן און בלויזן — שטופּט זי זיך דורך איר וועג אויף דער וועלט־פּאָליטישער אַרענע. און הגם מען קאָן נישט זיין צופרידן פון איר היינטיקן מצב — גיט עס אונז דעם גלויבן אַז זי וועט בייקומען אַלע אינערלעכע און אויסערלעכע שוועריקייטן — און אַז עס דערנענטערט זיך די צייט, ווען זי וועט שפּילן די ראָל, וועלכע עס איז איר אָנגעצייכנט דורך דעם געשיכטלעכן גאַנג פון דער מענטשהייט.

## און אין יידישן לעבן

די פאַרוויסטונג, וואָס ביידע טאָטאַליטאַרע רעזשימען, פאַשיזם און קאָמוניזם, האָבן אָנגעמאַכט אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז לחלוטין נישט מעגלעך צו פאַרגלייכן צו דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן לגבי דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, לגבי דעם „בונד", פונקט ווי ס׳איז נישט מעגלעך צו פאַרגלייכן די ליידן פון אַלע אַנדערע פעלקער אונטער די דאָזיקע רעזשימען מיט די ליידן פון יידישן פאָלק.

אויב לגבי אַלע אַנדערע פעלקער האָבן ביידע די רעזשימען זיך „באַגנוגנט" מיט טעראָר און פאַרשקלאָפונג — האָבן זיי לגבי דעם יידישן פאָלק אָנגעווענדעט דעם סיסטעם פון פולער פאַרניכטונג; פיזיש — דער פאַשיזם, נאַציאָנאַל־קולטורעל — דער קאָמוניזם. דאָ האָט מען ליקווידירט נישט נאָר די קאַדרען, נאָר די סאַמע פאָלקס־באַזע פאַרן סאָציאַליזם.

אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פיזישער און נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע איז ביי די שארית הפליטה און ביי די איבעריקע טיילן פון יידישן פאָלק שטאַרקער ווי ביי אַלע איבעריקע פעלקער צע־טרייסלט געוואָרן דער גלויבן אין סאָציאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם און ס׳זענען אומגעהויער פאַרשטאַרקט געוואָרן די נאַציאָנאַליסטישע און ציוניסטישע טענדענצן.

ס׳האָט אויסגעזען ווי דער „בונד" וואָלט שוין געהאַט אויסגעהויכט זיין נשמה. די פּאָליטישע קעגנער פון „בונד" האָבן שוין אויך געהאַט אָפּגעזאָגט נאָך אים „קדיש".

אָבער פונקט ווי דער אַלגעמיינער סאָציאַליזם האָט אויך דער יידישער סאָציאַליזם אַרויסגעוויזן דעם כוח פון זיין וויטאַליטעט. אוודאי איז די לאַגע פון „בונד" היינט צוטאָג אַ ביז גאָר שווערע. אָן דעם פּויליש־יידישן ישוב, אָפּגעשניטן פון מיליאָניקן יידישן ישוב אין ראַטנפאַרבאַנד און די איבעריקע פאָלקסדעמאָקראַטישע לענדער, ביי די הערשנדיקע, אַסימילאַטאָרישע, ציוניסטישע און רעליגיעזע טענדענצן צווישן די יידישע פאָלקס־מאַסן איז די ראָל פון „בונד" — נישט מקנא צו זיין. אָבער שוין דער פאַקט, וואָס דער „בונד" האָט איבערגעלעבט דעם חורבן, וואָס ער האָט זיך צעשפּרייט איבער אַלע לענדער און קאָנטינענטן, ווו ס׳לעבן יידן, וואָס ער האָט זיך צוריק אָרגאַניזירט ווי אַ באַוועגונג און פאַרפעסטיקט זיינע רייען — איז אַ פאַקט, וואָס איז שווער נישט צו דערשאַצן. די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע לענדער ווייזן אויך אַרויס אַן אַלץ שטייגנדיקע אַקטיוויטעט אין אַלע געביטן פון יידישן לעבן. און הגם נאָך אַן גרויסע ווירקונגען זענען זיי געוואָרן, אַפילו אין באַוווסטזיין פון די קעגנער, אַ נויטווענדיקער באַשטאַנד־טייל פון יידישן נאַציאָנאַלן געראַנגל.

פונקט ווי דער אַלגעמיינער סאָציאַליזם קאָן אויך דער „בונד" נישט באַווייזן זיך מיט קיין גראַדע און ראַשיקע דערפאָלגן. ס׳איז אָבער גענוג טיפער נאָכצופאָרשן דעם אינערלעכן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון יידישן לעבן כדי צו דערזען, ווי דורך אומוועגן און זיגזאַגן שלאָגט דאָס יידישע פאָלק זיך אַדורך איר וועג צום סאָציאַליזם, צום בונדיזם.

ס׳איז נאָך שטאַרק דער דרוק פון אַסימילאַציע און פון ציוניזם — אָבער אין אַלע לענדער וואַקסט דער דראַנג און דער געראַנגל פאַר אויפהאַלטן דאָס יידישע נאַציאָנאַלע לעבן, די יידישע שפּראַך און קולטור, דאָס יידיש־וועלטלעכע שול־וועזן.

אויב דער „בונד" איז נאָך שוואַך ווי אַ פּאָליטישער פאַקטאָר אין יידישן לעבן — טאָר מען דערביי נישט פאַרזען, אַז אַ שווערן פּאָליטישן קריזיס לעבט אויך איבער די ציוניסטישע באַוועגונג אין דער וועלט — און לעצטנס גייט אָן אַ טיפער פערמענטירונגס־פּראָצעס צווישן די יידישע קאָמוניסטן; דאָס עפנט פּערספּעקטיוון פאַר דער צוקונפטיקער אַנטוויקלונג פון דער בונדישער באַוועגונג.

אויך די אַנטשטייונג פון אַ בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מדינת ישראל, אין דער פעסטונג פון ציוניזם, איז אַן אויסדרוק פון וויטאַליטעט פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע. דער באַמערקונגסווערטער וווּקס פון דער ראָל פון יידיש אין לאַנד, די וואַקסנדיקע בענקשאַפט צום יידישן וואָרט, צום יידישן טעאַטער און צו דער יידישער קולטור, וואָס דאָס איז אין קעגנזאַץ צו דער אידעאָלאָגיע פון ציוניזם, באַווייזט ווי אומדירעקט, דורך אומוועגן, שלאָגט זיך אויך דער היגער ישוב אַדורך זיין וועג צום בונדישן סאָציאַליזם.

***

דער וועג צו סאָציאַליזם איז אַ דערנערפולער וועג; מיט נאָך מער דערנער איז פאַרזייט דער וועג פון „בונד". דער טיפער גלויבן אין דער נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם און אין דער היסטאָרישער מיסיע פון „בונד" — גיט אונז דעם כוח צו מאַרשירן אויפן דאָזיקן וועג.

י. אייכען

# דער מאָרד אי'בער קאַסטנערן

דער מאָרד, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן איבערן ד״ר ישראל רודאָלף קאַסטנער האָט אויפגערודערט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג און האָט גלייכצייטיק ווידער אַמאָל אויפגעדעקט אַ פינצטער ווינקל אין אונזער מלוכהשן לעבן: די עקזיסטענץ פון אַ געהיימער טעראָריסטישער באַוועגונג. די פּאָליצייאישע אויספאָרשונג און די געפונענע געווער־סקלאַדעס האָבן באַוויזן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרצווייגטער נעץ פון טעראָריסטישע גרופּן און אַז ד״ר קאַסטנער איז געווען בלויז איינער פון אַ גרעסערע צאָל פאַר־אויסגעזעענע קרבנות.

די עקזיסטענץ פון געהיימע טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, ווו עס ווערט דערמעגלעכט אַ פרייער פּאָליטישער קאַמף איז אַ געפערלעכע דערשיינונג, וואָס דאַרף שטעלן אויף דער וואַך נישט נאָר די אַנטשפּרעכנדיקע מלוכה־אָרגאַנען, נאָר אויך די ברייטע געזעלשאַפטלעכקייט. מעגן די טעראָריסטישע גרופּן זיין צאָלמעסיק קליין, זענען זיי גענוג אויף צו פאַרסאַמען די אַט־מאָספער אין לאַנד און אויף צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד אין אַ הפקרדיקע דזשונגל, ווו אַלע זאָלן ציטערן פאַרן געהיימען רעוואָל־ווער, וועגן וועלכן ס׳איז שווער צו וויסן פון וועלכער זייט ער דראָט און וועמען ער באַדראָט.

דער מאָרד איבער קאַסטנערן איז נישט דער ערשטער אַטענ־טאַט, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אין דער מדינה דורך טעראָריס־טישע גרופּן. יואל מאַרקוס אין „דבר״ פון 22טן מערץ רעכנט אויס אַ צוויי צענטליק אַטענטאַטן, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, אָנהויבנדיק פון מאָרד איבערן פירשט בערנאַדאָט אין סעפּטעמבער 1948 און ענדיקנדיק מיטן פּרווו אונטערצוציגדן די בוכהאַנדלונג פון סאָוויעטישע ביכער אין יאַ־נואַר 1953.

ס׳איז בלויז צו וואונדערן זיך הלמאי די פּאָליציי האָט ביז איצט אַזוי ווייניק געלייגט אַכט אויף דער עקזיסטענץ פון די דאָזיקע טעראָר גרופּן.

די געפערלעכקייט פון דער עקזיסטענץ פון די טעראָריסטישע גרופּן האָט אָבער אויך אַ פיל ברייטערן, פּאָליטישן אַספּעקט. זיי אַנטפּלעקן פאַר אונז די פאַרברעכעריש־פאַשיסטישע טענדענצן וועלכע האָבן זיך פאַרשפּרייט צווישן געוויסע קרייזן פון דער באַפעל־קערונג. די טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס באַשטייען הויפּטזעכלעך פון יוגנטלעכע, וואָס זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין לאַנד. זיי געהערן צום נייעם דור, וואָס איז שוין באַפרייט פון דער אַזוי־פיל פאַרשריגענער „גלות־פּסיכאָלאָגיע״, און אויף וועלכן עס ווערט געלייגט די האָפענונג, אַז ער וועט זיין אַנדערש און בעסער, ווי מיר, וואָס געהערן נאָך צום „דור המדבר״. איז אויב דער דאָזיקער נייער דור גיט אַרויס אַזעלכע „פּירות״, צי דאַרף עס נישט געבן אַ גע־לעגנהייט אונזערע מדינה־פירער צו פאַרטראַכטן זיך איבער דעם:
1) צי אין זיין „אַנדערשקייט״ וועט דער נייער דור טאַקע זיין בעסער, צי אַמאָל נישט ערגער, ווי דער אַלטער גלות־דור; 2) אַז שולדיק אין דעם איז נישט בלויז די יוגנט, וואָס איז אַוועק אויף די אומוועגן פון טעראָר, נאָר אַז די שולד ליגט קודם־כל אין דער עקזיסטירנדיקער ווירקלעכקייט און אין דעם אופן פון דערציונג, וואָס די יוגנט באַקומט און צי טראָגן נישט די שולד די אַלע, וואָס דערציען אונזער יוגנט אינעם גייסט פון פאַרגעטערן דעם כוח פון ביקס און רעוואָלווער? די יוגנט ווייס נישט קיין קונצן; אויב מען לערנט זי אַז נאָר פיזישע און מיליטערישע קראַפט איז דער יסוד פון אונזער מדינה־עקזיסטענץ; אַז די ביקס און דער רעוואָלווער איז די איינציקע שפּראַך, וואָס די וועלט פאַרשטייט און וואָס עס פאַרשטייען אונזערע שונאים — טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי נישט וועלן באַנוצן די דאָזיקע שפּראַך פון רעוואָלווער אויך לגבי יידן, וועלכע זיי באַטראַכטן פאַר שונאים אָדער פאַרעטער?!

די עקזיסטענץ פון די טעראָריסטישע גרופּן איז אַן אָנזאָג און אַ וואָרנונג וועגן די געפאַרן, וועלכע באַדראָען דער צוקונפט פון אונזער מדינה.

⁂

לויט דעם ביזאיצטיקן גאַנג פון דער אויספאָרשונג פאַלט דער חשד, אַז דעם מאָרד איבער קאַסטנערן האָט אויסגעפירט אַ גרופּע, וועלכע שטייט נאָענט אידעאָלאָגיש צו אַן עקסטרעם־רעכטער פּאָ־ליטישער גרופּירונג אין לאַנד.

דער „דבר״ גיט אפילו אָן דעם נאָמען און דעם אַדרעס פון דער דאָזיקער גרופּירונג. דאָס איז די גרופּע פון ד״ר ישראל שייב, וועלכער גיט אַרויס אַ חודש־שריפט „סולם״. דאָס איז אַן אָפּגע־שפּאָלטענע גרופּע פון דער אַמאָליקער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע לח״י, וועלכע האָט צוזאַמען מיט „אצ״ל״ געהאַט געקעמפט קעגן די ענגלענדער. די דאָזיקע גרופּע פּרעדיקט דעם עקסטרעמען ציוניזם און שטרעבט צו אַ מדינה פון „פּרס ביז נחל מצרים״.

ד. מוריה אין „דבר״ פון 24טן מערץ גיט איבער אין קורצן דעם „פּראָגראַם״ פון דער דאָזיקער גרופּע:

„מיטן ענדיקן זיך פון דער מאַנדאַטן־מאַכט איז געווען אַ גע־לעגנהייט אויפצושטעלן „אַ גרויסע און אמתדיקע מלכות ישראל״. אָבער די מאַכט איבערן ישוב אין ארץ־ישראל האָט געהאַט פאַר־כאַפּט „אַ קליקע פון פאַרעטער״, וועלכע האָבן אויפגעשטעלט אין אַ טייל פונעם פאָטערלאַנד „אַ פּיקציע פון אַ מדינה״ — „איין גרויסע געטאָ״ בראש פון וועלכער עס שטייען די, וואָס האָבן מיט־געאַרבעט מיט דער בריטישער געהיים־פּאָליציי. די דאָזיקע „פּיקציע״ איז באַזונדערס געפערלעך, ווייל זי שאַפט ביי די איינוווינער פון ישראל און ביי די יידן אין די תפוצות די אילוזיע, אַז די גאולה איז שוין געקומען און אַז מדינת ישראל עקזיסטירט שוין״.

דער דערמאָנטער יואל מאַרקוס ברענגט פאַרשידענע ציטאַטעס פון „סולם״ פון וועלכע עס דרינגט אַז די גרופּע האָט אויך גע־פּרעדיקט דעם געדאַנק פון טעראָר קעגן די „בוגדים״ פון דער מדינה און פאָלק. און ד. מוריה שרייבט, אַז

„עטלעכע אָנפירער פון די פאַרדעכטיקע, וועלכע געפינען זיך היינט אין אַרעסט נאָכן מאָרד פון ד״ר קאַסטנער, זענען געווען שטענדיקע באַזוכער אין דאָזיקן קלוב״ אויף רחוב ארנון אין תל־אביב.

„סולם״ איז אַ לעגאַלער אָרגאַן, וואָס גייט אַרויס מיט דער דערלויבעניש פון דער מאַכט שוין באַלד 10 יאָר צייט און ווערט פריי פאַרשפּרייט אין די קיאָסקן; ס׳איז דעריבער נישט מעגלעך, אַז די צענזור און די פּאָליציי זאָלן נישט האָבן געוווּסט וועגן די פּרעדיקערייען פון דער דאָזיקער גרופּע; אויך דער קלוב פון דער גרופּע איז געווען אַ לעגאַלער. איז טאַקע אַ וואונדער, פאַרוואָס די פּאָליציי האָט ביז איצט זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט דער פּאַקטישער טעטיקייט פון דער דאָזיקער גרופּע און פאַרוואָס זי האָט נישט אָנגענומען קיין מיטלען אויף נישט צו דערלאָזן צו קיין מאָרד־אַקטן, אויב זי האָט געוווּסט, אָדער אפילו געהאַט בלויז אַ חשד, אַז די טעראָריסטן שטאַמען פון יענע קרייזן?

די דאָזיקע פראַגע פאָדערט אַן אויפקלערונג, מחמת אין דער־זעלביקער צייט האָט דער אַדוואָקאַט פון גרינוואַלד אין קאַסטנער־פּראָצעס פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג אין וועלכער ער איז מרמז, אַז דעם מאָרד איבער קאַסטנערן האָבן דורכגעפירט די, וואָס זענען געווען פאַראינטערעסירט צו ליקווידירן דעם ענין קאַסטנער.

לעצטנס איז אויך אַרויס מיט אַ אָפענעם חשד אין דער דאָ־זיקער ריכטונג דער רעדאַקטאָר פון „עולם הזה״ (אורי אבנרי, פון 27טן מערץ הייאָר):

ער שרייבט אין אַ דראַסטישן טאָן און שטעלט אַ ריי דראַס־טישע פראַגן, ווי צבש.:

„פאַרוואָס איז ער דערמאָרדעט געוואָרן גראָד אין מאָמענט ווען וואָס האָט געוווּסט מער פון יעדן איינעם וועגן איינעם פון די שוואַרצעסטע קאַפּיטלע, אינעם לעבן פון די פירער פון עקזיסטירנ־דיקן רעזשים?

„פאַרוואָס איז דער דאָזיקער מענטש דערמאָרדעט געוואָרן גראָד אַ פּאָר וואָכן פאַרן פּסק דין אין זיין משפּט, נאָך וועלכן דער מדינה־פּראָקוראָר וואָלט אפשר געווען געצוווּנגען, לויט זיין בפירושן צו־זאָג, צו שטעלן אים צום געריכט אין הסכם מיטן געזעץ וועגן משפּטן די נאַציס און זייערע מיטהעלפער.

פאַרוואָס איז ער דערמאָרדעט געוואָרן גראָד אין מאָמענט ווען דער משפט פון עמוס בן־גוריון איז דערגאַנגען צום אומאַנגענעמסטן פונקט און דאָס איז אַ משפט ווו איינער פון זיינע הויפּט־העלדן איז געווען אַ בולטער פיינט פון קאַסטנערן?״

אורי אבנרי שטעלט אויך פראַגן דער פּאָליציי:

„פאַרוואָס איז קאַסטנער געבליבן אָן שום פּערזענלעכע שמירה?

„פאַרוואָס האָט די פּאָליציי שוין לאַנג צוריק נישט אַרעסטירט די חברים פון דער אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זענען געווען איר גוט באַקאַנט און פאַרוואָס האָט זי זיי נישט געשטעלט צום משפּט

לויטן געזעץ פון אויסמיידן טעראָר ?

„פאַרוואָס האָט די פּאָליציי אין דער העכסטער גלייכגילטיקייט געוואַרט ביז מען וועט אויספירן דעם מאָרד־אַקט — און דווקא דעם דאָזיקן מאָרד־אַקט".

אורי אבנרי שרייבט:

„די דאָזיקע פראַגן האָבן אויפגעוועקט אין האַרצן פון אַ סך בירגער אַ שרעקלעכן חשד. איך זע נישט קיין שום סיבה פאַרוואָס כ'זאָל אים איבערלאָזן אין קעניגרייך פון קלאַנגען. ס'איז געקומען די צייט, אַז מען זאָל אים אָפן ארויסזאָגן: ס'איז פאַראַן אַ חשד, אַז די דאָזיקע יינגלערישע אונטערגרונט־אָרגאַניזאַציע איז געווען בלויז אַ געצייג אין די הענט פון אַ קרייז, וואָס שטייט נאָענט צום רעזשים, און אַז דער דאָזיקער קרייז איז געווען פאַראינטערעסירט אינעם שאַנדפולען מאָרד איבערן ד"ר ישראל רודאָלף קאַסטנער"...

דער דאָזיקער גאַנצער אָפּזאַץ איז געדרוקט אין אריגינאַל מיט פעטער שוואַרצער שריפט.

אויך ד"ר ישראל שייב וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ די באַשולדי־קונג, אַז ער זאָל ווען עס איז אפילו האָבן געפּרעדיקט טעראָר און שטיצט דעם חשד, אַז דער מאָרד איבער קאַסטנערן איז דורכ־געפירט געוואָרן דורך געוויסע טיילן פון זיכערקייטס־דינסט...

⁂

די פרשה קאַסטנער איז אַ טראַגיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. מיר האָבן קיינמאָל נישט געפילט קיין סימפּאַטיע צום דערמאָרדעטן און געשטאַמט האָט דאָס נישט פון פערזענלעכער אַנטיפּאַטיע, נאָר פון אונעזר קאַטעגאָרישער קעגנערשאַפט צו דער קאַסטנערישער שיטה פון וועלן ראַטעווען הונדערטער יידן פאַרן פרייז פון מיטאַרבעטן מיט די נאַצישע מערדער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרטיליקן אונזער גאַנץ פאָלק. אומאָפּהענגיק פון די פערזענלעכע כוונות איז דאָס אָביעקטיוו געווען אַ שיטה, וועלכע האָט צוליב די געראַטעוועטע הונדערטער געהאָלפן די נאַציס צו דערמאָרדן צענט־ליקער און הונדערטער טויזנטער יידן.

די שיטה פון קאַסטנעריזם איז, ליידער, נישט געווען קיין פּער־זענלעכע „פּריווילעגיע" בלויז פון קאַסטנערן. אונטער די שוואַרצע פליגלען פון דער נאַצישער מאַכט האָבן געווימלט אויך אַנדערע קאַסטנערס. בעתן פאַרלויף פון די פאַרהאַנדלונגען אויף דעם פּראָצעס גרינוואַלד־קאַסטנער איז טיילווייז אויפגעדעקט געוואָרן, אַז אויך קאַסטנער גופא האָט נישט געאַרבעט ביחידות, נאָר אַז עס זענען פאַראַן „נאָך עמעצערס", וואָס זענען מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע מעשים. ווייטערדיקע געריכטס־פאַרהאַנדלונגען וואָלטן געוואָרפן מער ליכט אויף דער דאָזיקער גאַנצער פרשה. און ווי אומאַנגענעם און ווייטיקדיק די דאָזיקע פרשה זאָל נישט זיין איז די פולע אויפקלערונג פון אַלע אירע אַספּעקטן געווען אַ נויטווענדיקייט סיי פאַר דער געזעלשאַפט־לעכער מאָראַל פון אונזער פאָלק, סיי ווי אַ לעקציע פאַר אונזערע היינטיקע און צוקונפטיקע מנהיגים. דאָס פאָלק, וואָס האָט באַצאָלט מיט 6 מיליאָן פון זיינע קינדער האָט אויך דאָס רעכט געהאַט צו פאַרלאַנגען אַ פולע אויפקלערונג פון דעם ענין.

דער מאָרד איבער קאַסטנערן האָט צעשטערט דידאָזיקע פולע אויפקלערונג. די פּאָליציייִשע אויספאָרשונג וועט אפשר אויפקלערן, ווער ס'האָט אָנגעפירט מיט דער טעראָריסטישער גרופּע, וועלכע האָט דורכגעפירט דעם מאָרד. אָבער ווער דאָס זאָל נישט האָבן געטאָן איז דער מאָרד אויסגעפאַלן לטובת די, וואָס זענען פאַראינטערעסירט געווען פּטור צו ווערן פון דעם גאַנצן ענין.

דער טעראָריסטישער אַטענטאַט איבער קאַסטנערן איז דעריבער אַ טאָפּלטער פאַרברעך; א פאַרברעך לגבי דער געזעצמעסיקייט פון דער מדינה און אויך א נאַציאָנאַלער פארברעך לגבי דעם יידישן פאָלק.

---


**נאַרוואָס דערשינען:**

**והאש השאירה אפר**

(און דאָס פייער האָט איבערגעלאָזן אַש)

היסטאָרישער ראָמאַן וועגן פראַנקן און זיין סעקטע

פון א. ש. שטיין

אין בוך גייען דורך צענטליקער געשטאַלטן — פראַנקיסטן, יידן, קריסטן, פאַרוויקלט אינעם דראַמאַטישן פּלאָנטער. פאַרברענען פון תלמוד — די נעכט פון אויסגעלאָשענע ליכט.

ס'איז דאָס ערשטע בוך אין דער יידיש־העברעאישער ליטעראַטור אויף דער טעמע.

350 זייטן, פראַכט־באַנד.


נחמן ראַפּפּ

# אהיים

נישט קיין אויספלוג איבער געגנטן
האָט מיך פון דער היים פאַרפרעמדט,
קיין שום ליכט פון פרעמד באַגעגנטן
האָט מיין בליק נאָך נישט פאַרבלענדט,

דאָס האָבן מיינע שטומע ווייטיקן
פון דער היים מיר נאָר פאַריאָגט,
כדי איך זאָל אין היים זיך נייטיקן
אין מיין טרויער אין מיין פּלאָג.

כ'האָב מיין צער אין טרער געוואָשענעם
מיטגענומען אויפן וועג,
דורך די שליאַכן אייביק־רעשיקע
זאָל ער פירן מיך צום ברעג,

ווו עס קאָן אים נאָר דערגרונטעווען
אַן אויג געטובלט אין אַ טרער,
ווען עס שטיקט דער צאָרן צונטערער
און עס קלעקט קיין מוט נישט מער...

כ'קער אַ היים מיט וועג געפונענעם
אינמיטן שבעהדיקער וואָך,
נישט מיט קול פון אַ באַנומענעם
צום באַיאָמערן מיין בראָך,

נאָר מיט אויגן אויסגעלייטערטע
ציילן גליקלעכן פאַרמעג,
וואָס אין גאַנג, אין אייביק הייטערן
כ'האָב געפירט מיט זיך אין וועג.

נישט קיין אויספלוג איבער געגנטן
האָט מיך פון דער היים פאַרפרעמדט,
קיין שום ליכט פון פרעמד באַגעגנטן
האָט מיין בליק נאָך נישט פאַרבלענדט,

דאָס האָבן מיינע שטומע ווייטיקן
פון דער היים מיר נאָר פאַריאָגט,
כדי איך זאָל אין היים זיך נייטיקן
אין מיין טרויער אין מיין פּלאָג...

י. בן דב ציעכאַנאָווסקי

# מיינע טעג

מיינע טעג, אַוועק זיי זענען,
אַז איך קען זיי קוים דערקענען.
ליגן אָנגעוואָרפן־מאַטע
פּונקט אַזוי ווי אַלטע שמאַטעס.

ס'זענען טעג פאַר מיינע אויגן,
ווי די פייגל דורכגעפלויגן —
און אַוועק פון מיר אויף תמיד
און געלאָזט מיר פּיין און אומעט.

איך האָב דערוואַרט זיי פול מיט האָפן
מיט אַ האַרץ, וואָס בענקט, אַן אָפּנס —
כ'האָב געבענקט נאָך פרייד פון לעבן
נאָר זיי האָבן גאָרנישט מיר געגעבן...

# אגב אורחא

פון **בן יעקב**

## דער איבערגעלאָדענער קאַלענדאַר...

כ׳האָב לאַנג שוין אויפגעהערט צו גלויבן אין דער געטלעכער חכמה פון וועלט־באַשאַף. וואָסער חכמה צבש. קאָן מען זען אין דעם, אַז איין טייל וועלט ווערט פאַרברענט פון היץ בעת אין אַן אַנדער טייל בענקט מען נאָך אַ ביסל וואַרעמקייט, אַז געוויסע לענדער באָדן זיך אין טייכן, וואָס מען באַווייזט זיי גאָרנישט אויסצונוצן בעת אין אַנדערע לענדער גייט מען אויס נאָך אַ טראָפּן וואַסער, אַז אין געוויסע שטחים פונעם ערד־קיילעך וווינען צונויפגעקנוידערט הונדערטער מיליאָנען מענטשן בעת אַנדערע ריזיקע שטחים זענען באַדעקט מיט פוסטע אומנוצלעכע מדבריות.

כ׳האָב זיך דערמאָנט אין די דאָזיקע „פילאָזאָפישע" געדאַנקען, בעת כ׳האָב געטראַכט ווי נישט „חכמהדיק" די געשיכטע האָט עס אונז פאַנאַנדערגעטיילט אונזער קאַלענדאַר־יאָר. מיר האָבן אינעם יאָר עטלעכע „ליידיקע", וואָכעדיקע חדשים, ווי חוץ דעם שבת און אפשר א יאָרצייט אָדער אַ געבוירן־טאָג האָבן מיר „גאָר־נישט". און אָט האָבן זיך צונויפגעקנוידערט אין איינע 3 וואָכן, אַזש פיר גרויסע היסטאָרישע דאַטעס. דו באַווייזט נישט צו פאַר־ענדיקן איין פייערונג און מוזט זיך שוין גרייטן צו אַ צווייטער. און דו מוזט דערביי, ווי אַ פסיכישער אַקראָבאַט אַריבערשפּרינגען פון איין קעגנזעצלעכער שטימונג צו אַ צווייטער.

דעם 15טן אפריל איז פסח. צי ביזט רעליגיעז, צי ביזט פריי — פילסטו זיך אין די דאָזיקע טעג אין אַ יום־טובדיקער שטימונג. ס׳איז אַ נאַצאָנאַלער יום־טוב, וואָס דערמאַנט דעם איבער־גאַנג פון נאַציאָנאַלער שקלאַפעריי צו נאַציאָנאַלער פרייהייט, ס׳איז אַ יום־טוב פון פרייד און פון שלווה.

און אין סאַמע מיטן פון די פסחדיקע טעג, חול המועד, האָט די בלוטיקע געשיכטע פון אונזער פאָלק אונז אַנגעוואָרפן די דאַטע פון 19טן אַפריל, דעם יאָרצייט פון אונזער נאַציאָנאַלן חורבן און געטאָ־אויפשטאַנד. אונזערע הערצער ווערן אין דעם טאָג אַנגעלאָדן מיט דעם טיפסטן טרויער, וואָס אַ מענטש קאָן נאָר פאַרטראָגן. אין אונזער זכרון אַנטשטייען דאַן די גרויזאַמע בילדער פון אומקום פון אונזערע נאָענסטע און ווי שטאָלן־האַרט עס זאָל נישט זיין דיין האַרץ — שטיקט דיך אין דעם טאָג אַ טרער אין האַלז.

און באַלד נאָך דעם קומט אָן דער 1טער מאַי, דער טאָג פון די רויטע פענער, פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. דיינע בליקן זענען געווענדעט איקדעם טאָג צו די אַרבעטנדיקע מאַסן פון גאָר דער וועלט; דו זעסט זיך ווי אַ טייל פון אַ גרויסער מחנה פון פאַרשידענע פעלקער און ראַסן און דו טראַכסט דאַן ווי שיין עס וואָלט געווען די וועלט, ווען עס ווערט פאַרווירקלעכט דער לאָזונג פון 1טן מאַי, אַז אַלע מענטשן זענען ברידער, ווייסע, שוואַרצע, ברוינע, געלע... און עס ווערט דיר אַ ביסל קאַלאָמוטנע אויפן האַרצן, וואָס די דאָזיקע אויסגעטרוימטע צייט זעט נאָך אויס צו זיין אַזוי ווייט, אַזוי ווייט...

און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, דעם 6טן מאַי איז דער יום העצמאות, דער טאָג פון אונזער מדינהשער אומאָפּהענגיקייט. ווידער ביזטו אין אַן אַנדער שטימונג. ס׳איז פריידיקער יום־טוב אין די גאַסן, פּאַראַדן, מוזיק, טענץ. פילסט זיך ווי אַ טייל פון דער מדינה, ווי אַ טייל פון דעם טייל פון אונזער פאָלק, וואָס האָט אויסגעקליבן דעם וועג צו לעבן אַ זעלבשטענדיק מלוכהש לעבן. און דו פילסט אין דעם טאָג, מער ווי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, די גרויסע נאַציאָנאַלע אחריות וואָס די מדינה האָט אויף זיך גענומען לגבי דעם יידישן פאָלק. און ס׳קלאַפּט דאָס האַרץ אי פאַר פרייד, אי פון ספקות. פון פרייד, וואָס ביזט פריי אין דיין לאַנד, און פון ספקות צי וועט די מדינה אויסהאַלטן דעם נסיון, צי וועט זי ווערן דאָס, וואָס מיר ווילן, אַז זי זאָל ווערן; אַ זיכערע היים פאַר אירע איינ־וווינער און אַ זייל פאַר אונזער נאַציאָנאַלן קיום אין דער וועלט.

ס׳האָט דער קאַלענדאַר אונז איבערגעלאָדן מיט היסטאָרישע דאַטעס אין די פאָר וואָכן. און דאָך — ווען דו קוקסט אויף די אַלע דאַטעס צוזאַמען — זעסטו, אַז כאָטש יעדע פון זיי האָט אַ באַ־זונדערן היסטאָרישן אונטערשלאַג בינדט זיי אלע איין גורל, **דער גורל פון אונזער פאָלק. אויך די שטימונגען און געפילן אין די אַלע דאַטעס זענען אַ געמיינזאַמער באַשטאַנד־טייל פון אונזער גורל.**

דער טרויער פון 19טן אַפריל, און די פרייד פון פסח און יום העצ־מאות און דער קאַמפּס־גייסט פון ערשטן מאַי זענען פאַקטיש קייטלעך אין דער אַלגעמיינער רינג פון אונזער היסטאָרישן גאַנג, פון אונזער שטרעבונג און קאַמף פאַר אַ פריי יידיש פאָלק אין אַ וועלט פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג.

### אונזער אויפקלערונגס־קאַמפּאַניע

צום היינטיקן יום העצמאות גייט אונזער מדינה אַריין באַ־רייכערט מיט אַ גרויסער היסטאָרישער דערפאַרונג, מיט דער סיני־אַקציע. זיבן טעג האָט געדויערט די עצם־מלחמה, אָבער פיר חדשים האָט די מדינה געפירט אַ דראַמאַטישן פּאָליטישן געראַנגל; אין משך פון די פיר חדשים האָט די רעגירונג געפירט אַ ריזיקע אויפקלערונגס־אַרבעט אין דער וועלט. אין זיין רעדע פון 6טן מערץ האָט בן־גוריון דערקלערט, אַז

„דאָס איז געווען די געלונגענסטע אויפקלערונגס־אַקציע אין וועלט־מאַסשטאַב, וואָס די ישראל־רעגירונג און אירע פאַרשטייער האָבן דורכגעפירט אין משך פון די פיר חדשים".

און באמת. אין משך פון די פאָר חדשים זענען די אַמבאַסאַדאָרן און קאָנסולן פון ישראל געשטאַנען אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט 56 מדינות. ס׳זענען פאָרגעקומען נישט ווייניקער ווי 350 צוזאַמענטרעפן מיט פּרעזידענטן, אויסערן־מיניסטאָרן און דעפּאַר־טאַמענט־דירעקטאָרן פון די מדינות, חוץ די נאָרמאַלע צוזאַמענטרעפן מיט פאַרשידענע מדינה־פאָרשטייער אין די ראַמען פון אונאָ.

ס׳זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין דער דאָזיקער צייט 80 טעלעגראַפישע צירקולאַרן צו די דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער פון ישראל. אונזער אויסערן־מיניסטעריום האָט פאַרעפנטלעכט אין דער צייט 7 בראָשורן אין ענגליש, 3 אין פראַנצויזיש, 2 אין שפּאַניש וועגן די פאָדערונגען פון ישראל. עס זענען פאַרטיילט געוואָרן ביי 100 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון פאַרשידענע אויסגאַבן צווישן מלוכה־לייט, זשורנאַליסטן און פערזענלעכקייטן פון דער וועלט, חוץ די נאָרמאַלע פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן, וואָס עס האָבן אַרויסגעגעבן אין פאַרשידענע שפּראַכן אונזערע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער אין די באַזונדערע לענדער.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער ריזיקער פּראָפּאַגאַנדע שטעלט זיך נאָר די פראַגע: צי האָט מען טאַקע געמוזט וואַרטן אויף דער סיני־אַקציע, כדי צו פירן אַזאַ אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די פעלקער פון דער וועלט? און צי וואָלט אונזער מצב נישט אויס־געזען אַ סך בעסער, ווען מיר פירן אַזאַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט במשך די גאַנצע ניין יאָר פון אונזער עקזיסטענץ נישט כדי איינצוהאַלטן פּאָליטישע דערגרייכונגען פון מיליטערישן נצחון, נאָר פאַר אַ שלום מיט דער אַראַבישער וועלט?!

### צי וויל איצט ישראל שלום?

ס׳איז אַן אפּיקורסישע פראַגע, פאַר וועלכער מען קאָן פאַר־שריגן ווערן אַלס אַ שונא ישראל. רעדן דאָך די מדינה־פאָרשטייער כסדר, אַז זיי ווילן שלום, אַז זיי ווילן זיך זעצן צום טיש מיט די אַראַבישע פירער, נאָר די אַראַבישע פירער ווילן נישט. טאָ ווי קאָן מען דאָס שטעלן בכלל אַזאַ מין פראַגע? אָבער אָט שרייבט אין „דבר" פון 22טן מערץ איינער פון די אָנגעזעענסטע מפא״יישע זשורנאַליסטן יהודה גאָטהעלף, שוואַרץ אויף ווייס:

„נישט בלויז וואָס עס זענען נישט פאַראַן קיין נאָענטע פּער־ספּעקטיוון פאַר שליסן אַ סטאַבילן שלום, נאָר מיר מוזן אויך אויסמיידן אַ דרוק און אַן איניציאַטיוו אין דער דאָזיקער ריכטונג, מחמת יעדע סטאַבילע לייזונג, וואָס וועט אונז פאַרגעלייגט ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט וועט זיין צו אונזער רעה".

און ער גיט דערביי אַן מאָטיוון פאַרוואָס:

„די באַציונג מצד די אַראַבישע מדינות איז קלאָר־און באַוווּסט. וואָס קאָן מען דערוואַרטן היינט צוטאָג פון אַ דירעקטן משא ומתן מיט די מדינות, וועלכע האָבן נאָכנישט שלום געמאַכט מיט אונזער עצם־עקזיסטענץ אין מיטעלן מזרח".

און נישט בלויז די אַראַבישע מדינות. „מיר קאָנען אויך נישט סומך זיין אויף דער פאַרמיטלונג פון אַמעריקע". ווייל „אויב נאַצער וועט ווערן אַן אַליִאירטער פון וואַשינגטאָן, וועט זי זיך באַמיען אים צו באַפרידיקן מיט אַלעם מעגלעכן אויף אונזער חשבון". און אַ וודאי קאָן מען זיך נישט סומך זיין אויף דער פאַרמיטלונג פון ענגלאַנד און אוודאי און אוודאי נישט פון ראַטנפאַרבאַנד.

איז, ווי איר זעט, דער אויספיר קלאָר. היינט צוטאָג טאָרן מיר נישט וועלן קיין דירעקטן משא ומתן מיט די אַראַבישע פירער און מיר טאָרן אויך נישט וועלן קיין איניציאַטיוו און אוודאי נישט קיין דרוק צו שלום מצד די גרויסמאַכטן.

**טאָ וואָס בלייבט אויב אַזוי צו טאָן?**

(סוף אויף זייט 14)

זלמן קאַפּלאַן

# די ווידוי פון אַ נאַצי־פאַרברעכער

(דאָס טאָגבוך פון האַנס פראַנק*)

דאָס אַרויסגעבן דאָס טאָג־בוך פון האַנס פראַנק גענעראַל־גובערנאַטאָר איבער פּוילן, גיט אונז אַ מעגלעכקייט צו זען ווי אַזוי און מיט וואָס פאַראַ אופנים די דייטשן האָבן זיך אונטערגענומען צו פאַרטיליקן די יידן. פון די אַלע היטלעריסטישע גדולים און נאַצי־פאַרברעכער זענען ס'רוב קיין שום דאָקומענטן נישט געבליבן. בעת די פּראָצעסן פלעגן זיי זיך תמיד פאַררופן, אַז זיי האָבן בלויז אויסגעפירט דירעקטיוון וואָס זיי האָבן באַקומען פון דער העכערער מאַכט, אָדער דירעקט פון היטלערן. איז טאַקע דאָס טאָג־בוך פון גענעראַל־גובערנאַטאָר האַנס פראַנק אַן אויסנאַם. דאָס בוך ווייזט אונז וויפל שולד עס טראָגן אָט די אַלע חיות אין מענטשלעכן געשטאַלט.

בעתן קריגס־אויסברוך אין 1939 ווערט פראַנק נאָמינירט אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר איבער די פאַרנומענע פּוילישע געביטן. ווי עס זעט אויס איז אין אָנפאַנג נישט געווען נאָך קיין פּלאַן פון טאָטאַלער פאַרניכטונג, ווייל דעם 12.7.1940 אויף אַ זיצונג מיט די לייטערס פון די אָפּטיילונגען דערקלערט פראַנק אַז „עס ווערט געפּלאַנט איבערצוטראַנספּאָרטירן אַלע יידן פון דייטשלאַנד, גענעראַל גובערניע און פּראָטעקטאָראַט אין דער קורצעסטער צייט נאָכן שליסן דעם שלום (דער שלום האָט זיך זיי אויסגעוויזן ווי כמעט אַ דערגרייכטע זאַך — ז. ק.) אין אַן אַפריקאַנישע אָדער אַמעריקאַנער קאָלאָניע. עס ווערט פאַרויסגעזען מאַדאַגאַסקאַר וואָס פראַנקרייך דאַרף אָפּגעבן פאַר דעם צוועק. אויף דער טעריטאָריע פון 500.000 קוו. קלמ. וועט דאָרט זיין גענוג באָדן פאַר עטלעכע מיליאָן יידן. כ'האָב מיך באַמיט אַז אויך די יידן פון דער גענעראַל גובערניע זאָלן קאָנען אָנטיילנעמען אין דער נוצלעכער אַקציע פון אויפבויען זיך אַ ניי לעבן אין דעם נייעם לאַנד... דאָס וועט אויך זיין אַ קאָלאָסאַלע אַנטלאַסטונג. (זייט 411).

אַז די ווערסיע איז געווען אַ ריכטיקע, זעט מען פון אַ צווייטער זיצונג מיט די באַאַמטע און אנגעשטעלטע פון לובלינער דיסטריקט דעם 25 יולי 1940 ווו פראַנק דערקלערט אַז „דער פירער האָט באַפוילן מער נישט איבערצוטראַנספּאָרטירן קיין יידן אין דער גענעראַל גובערניע, ווייל... ווי ס'וועט נאָר מעגלעך ווערן דער ים־פאַרקער, וועלן אַלע יידן אויך פון דער גענעראַל גובערניע אָפּגעטראַנספּאָרטירט ווערן".

פון דעם פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן, און אין אַ יאָר שפּעטער האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דער טאָטאַלער פאַרניכטונג.

אין יולי 1941 האָט גערינג באַפוילן היידריכן אַלץ צוצוגרייטן צו דער ענדגילטיקער לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין אַלע לענדער פון אייראָפּע וועלכע געפינען זיך אונטערן דייטשן איינפלוס.

אויך פראַנק שטייט נישט אָפּ אין זיין זאָרג בייצוקומען די גרויסע שוועריקייטן ביים פולשטענדיקן פאַרניכטן די יידן.

אויף אַ רעגירונגס־זיצונג אין קראַקע אין דעצעמבער 1941 דערקלערט פראַנק צו זיינע מיטאַרבעטער צווישן אַנדערן: „מיר מוזן פאַרניכטן די יידן ווו מיר וועלן זיי נאָר באַגעגענען. ...דאָס ליגט טאַקע נישט אין די ראַמען פון געזעצלעכע האַנדלונגען. מ'קאָן אָבער נישט צוגיין צו אַזאַ גיגאַנטישער איינמאָליקער געשעעניש מיט די ביז איצטיקע באַגריפן". פראַנק פאָרט אַרום און האַלט כסדר יידנהעצערישע דרשות פאַרגלייכנדיק די יידן צו „לייז וואָס מוזן פאַרטיליקט ווערן".

איינע פון זיינע מעטאָדן אומצוברענגען די יידן איז געווען די הונגער־באַשפּייזונג. שוין דעם 23טן אַפּריל 1940 אויף דער ערשטער קאָנפערענץ וועגן באַשפּייזן די באַפעלקערונג אין דער גענעראַל גובערניע זאָגט זיך פראַנק אַרויס, אַז ס'אינטערעסירט אים אַמווייניקסטנס צי יידן האָבן וואָס צו עסן. דעם 15טן אָקטאָבער 1941 אין אַ שמועס אין בעלוועדער זאָגט זיך פראַנק אַרויס אַז יידן דאַרף מען נישט צושטעלן קיין לעבנסמיטל. דעם 16טן דעצעמבער 1941 האָט פראַנק אָנגעגעבן איינעם פון די מאָטיוון פאַר פאַרטיליקן די יידן „די דאגות ביים באַשפּייזן די 3 און אַ האַלבן מיליאָן אויסערגעוויינלעך פאַר אונז שעדלעכע פרעסער". ווען אין 1942 איז די באַשפּייזונגסלאַגע אין דער גענעראַל גובערניע בכלל געווען קאַטאַסטראָפאַל דערקלערט פראַנק: „אגב אורחא באַשטעטיק איך אַז 1.2 מיליאָן יידן פאַראורטיילן מיר אויף אַ הונגער טויט". און ער גיט צו „אויב זיי וועלן נישט אומקומען פון הונגער, וועט דאָס פאַראורזאַכן צו פאַרגיכערן אַנטי יידישע פאַראָרדענונגען."

נאָכן אויסמאָרדן די יידן פון פּוילן און פון אַנדערע לענדער וואָס זענען געבראַכט געוואָרן דורך דער אַזוי גערופענער „ריינהאַרד אַקציע" אין 1943, האָט פראַנק אויף אַ פאַרטיי פאַרזאַמלונג דעם 2טן אויגוסט 1943 פאַטעטיש אויסגערופן „מיר האָבן אָנגעהויבן דאָ (אין פּוילן) מיט 3 און אַ האַלבן מיליאָן יידן, פון וועלכע עס זענען געבליבן בלויז עטלעכע אַרבעטער קאָמפּאַניעס". דעם 4טן מערץ 1944 אויף אַ פאַרטיי־פאַרזאַמלונג דערקלערט פראַנק: „אפשר וועט ווער באַדויערן איבערן יידישן גורל, איז דאָס נישט שרעקלעך, וואָס מ'האָט געמאַכט מיט די יידן? דאָס פאַרטיליקן די יידן איז דער פאַרדינסט פון דער נאַצ. סאָצ. באַוועגונג. מיט דעם (מיט דער פאַרניכטונג) וואָלט זיך קיין אַנדערער קיין עצה נישט געגעבן. יידן זענען אַ ראַסע וואָס מוז פאַרטיליקט ווערן".

ערשט נאָך זיין אַרעסט אין יאָר 1945 קומט ביי אים פאָר דער „פּסיכישער צוזאַמענברוך". אין תפיסה שרייבט ער ווייטער זיין טאָג־בוך און אויך כמעט זיין ווידוי. אָבער דאָ שרייבט ער שוין אַנדערע דיבורים. ער שלאָגט זיך על חטא. און פונקט ווי ער האָט זיך פריער באַגייסטערט מיט היטלערן אַזוי באַשפּייט ער אים יעצט, ער שרייבט: „דער רעזולטאַט פון זיין (היטלערס) טעטיקייט איז אַזוי קאַטאַסטראָפאַל שוידערלעך אין דער צאָל מאָרדן, נויט און רואין אין אַלע פאָרמען אַז ס'זעט אויס אוממעגלעך, אפילו צו פּרובירן אויסצוגעפינען אין דער וועלט־געשיכטע נאָך אַזאַ עקזעמפּלאַר... ער איז געווען דער דינאַמישסטער פאַרניכטונגס־פאַקטאָר וואָס די מענטשהייט האָט געהאַט צו פאַרטראָגן ביזן היינטיקן טאָג".

פראַנק באַשולדיקט היטלערן און זיין נאַצישע באַוועגונג, אַז זיי זענען די הויפּט־סיבה פון דעם גרויסן אומגליק וואָס איז געקומען אויף דער וועלט און ער פאַרענדיקט זיין טאָג־בוך צעבראָכן מיט הכנעה און רעזיגנאַציע. „...כ'האַלט פאַר מיין פליכט צו זאַגן, אַז מיין געוויסן איז שווער באַלאַסטעט קעגן גאָט, מענטשן און זיך זעלבסט. כ'נעם אויף זיך די שולד פאַר אַלץ וואָס איז געשען אין פּוילן. ווי אַ מענטש וואָס איז געווען אַריינגעפּלאָכטן אין דער היטלעריסטישער נעץ".

דאָס טאָג־בוך פון האַנס פראַנק איז אַ דאָקומענט — אַ יחיד־במינו.

*) Stanislaw Piotrowski, „Dziennik Hansa Franka“. Warszawa, 1956, Wydawnicze Prawnicze.

(סוף פון זייט 13)

יהודה גאָטהעלף גלויבט, אַז אין אַ 15—20 יאָר אַרום ווען „דער מערב וועט אַלץ מער אַנטוויקלען די קוואַלן פון אַטאָם־ענערגיע און וועט נישט זיין מער אונטערגעגעבן דעם שאַנטאַזש פון די נאַפט־מאַגנאַטן" און ווען „דער סאָוויעטישער בלאָק וועט סוף כל סוף אַרויף אויף סאָציאַליסטישע רעלסן", דעמאָלט וועלן זיי אפשר אַנדערש קוקן אויף דער ישראל־מדינה.

און ביז דעמאָלט? ביז דער קרעטשמע דאַרף מען דאָך אויך האָבן אַ טרינק!

יהודה גאָטהעלף האַלט, אַז ביז דער צייט וועלן מיר כסדר ווערן שטאַרקער.

„אין די נאָענטסטע צען־צוואַנציק יאָר וועט אונזער כוח אַזוי שטאַרק אויסוואַקסן, אַז מיר וועלן זיך פאַרוואַנדלען פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט אין אַזאַ פעסטער און איינגעוואָרצלטער מדינה, אַז קיין שום לאַנד און פאָלק אין דער וועלט וועט שוין נישט קאָנען קוקן אויף אונז ווי אויף אַ „ציוניסטישן עקספּערימענט".

די צרה איז נאָר, וואָס אין משך פון די „צען־צוואַנציק יאָר" וועלן מסתמא אויך די אַראַבישע מדינות ווערן שטאַרקער — און אויב ביז צו דער צייט וועט נישט דערגיין צו קיין שלום — איז ווער־ווייס ווי די לאַגע וועט אויסזען דעמאָלט!

צי איז נישט דאָס אָפּלייגן דעם שלום אויף אַזאַ לאַנגע צייט אַ ביסל צו אַ געפערלעכער עניין?..

אַלנפאַלס, ווי איר זעט, איז די קשיה וואָס מיר האָבן געשטעלט אין קעפּל פון דער נאָטיץ גאָרנישט געווען אַזוי אַפּיקורסיש...

# וואָס ווילן די יידישע אַנאַרכיסטן

ס'איז געווען אַ צייט ווען די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אייראָפּע און אַמעריקע. אין דער אָנהייב־תקופה פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אין ניינצנטן יאָרהונדערט, האָבן קאַרל מאַרקס און ענגעלס געהאַט אויסצופעכטן אַ שווערן אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן געראַנגל קעגן די באַגרינדער און טעאָרעטיקער פון אַנאַרכיזם פּרודאָן און באַקונין, וועלכע האָבן פאַרמאָגט גרויסע איינפלוסן צווישן די מאַסן באַזונדערס אין פראַנקרייך, שפּאַניע און איטאַליע.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַזאַ הערלעכע געשטאַלט ווי ס'איז געווען פּעטער קראָפּאָטקין און זי האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער תקופה פון דער גרויסער רוסלענדישער רעוואָלוציע פון 1917 (באַזונדערס אין אוקראַינע אונטער דער אָנפירונג פון באַטקאַ מאַכנאָ). די אַנאַרכיסטן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די לעצטע יאָרן פון פאַר דער צווייטער מלחמה אין שפּאַנישן בירגער־קריג.

אויך צווישן די יידן האָבן די אַנאַרכיסטן פאַרמאָגט אַ שפּאַר ביסל אָנהענגער: זיי האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך די רעוואָלוציאָנערע דיכטער־פּיאָנערן דוד עדלשטאַט, באָוושאָווער א. אַנד.

פון די פאַרהעלטניסמעסיק־גרויסע אַנאַרכיסטישע מחנות זענען היינט פאַרבליבן בלויז קליינע גרופּן, אָפּגעריסענע פון די ברייטע מאַסן ס'איז אָבער פאַרבליבן ביי זיי אַ סך אַקטיווקייט און דינאַמישקייט. זיי עקזיסטירן כמעט אין אַלע לענדער פון דער וועלט. זיי גיבן אַרויס זייערע אָרגאַנען אין פאַרשידענע שפּראַכן, אין ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, שפּאַניש א.א.וו. אויך אין יידיש דערשיינען אַנאַרכיסטישע אָרגאַנען אין אַמעריקע, אַרגענטינע, פראַנקרייך.

און אָט די דאָזיקע יידישע אַנאַרכיסטישע אָרגאַנען האָבן עס מיר באַוויגן אָנצושרייבן די דאָזיקע שורות.

***

מען קאָן נישט האָבן קיין טענות צו קיין באַוועגונג פאַרוואָס זי איז קליין און שוואַך, פאַרוואָס זי האָט נישט קיין ברייטע איינפלוסן אויף די מאַסן. פון דעם לידן היינט נישט נאָר די אַנאַרכיסטן. אויך דער „בונד" און אַנדערע פרייהייטלעך־ און רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע ריכטונגען קאָנען זיך נישט באַרימען מיט קיין גרויסער מאַסן־פּאָפּולאַריטעט. מיר לעבן אין אַ צייט פון געשענדעטע אידייען. נאָך די מפּלות און אַנטוישונגען זענען די ברייטע מאַסן פון אַלע פעלקער און אויך ביי יידן, פאַרכאַפּט געוואָרן מיט ענגהאַרציקן שאָוויניזם און מיט בלינדן דרך־ארץ פאַר ברוטאַלער פיזישער מאַכט.

די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון אידעאיש־פּאָליטישע ריכטונגען קאָן מען דעריבער נישט מעסטן מיט דער מאָס פון ציפערן, נאָר מיט דער זעלבשטענדיקייט און אייגנאַרטיקייט פון די אידייען און פּאָליטישע איינשטעלונגען, וועלכע זיי רעפּרעזענטירן און פּרעדיקן.

מיר קומט אויס צו לייענען אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן, וואָס דערשיינען אין ענגליש און פראַנצויזיש, און הגם ס'איז מיר שווער מסכים צו זיין מיט אַלע זייערע געפּרעדיקטע מיינונגען האָב איך אָבער פיל דרך־ארץ פאַר זייער עקשנות און קאָנסעקווענטקייט, מיט וועלכער זיי קעמפן פאַר זייער זאַך.

צי קאָן מען אָבער דאָסזעלביקע זאָגן וועגן די יידישע אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן, וועגן דער „פרייער אַרבעטער־שטימע" אין ניו־יאָרק וועגן „פרייען געדאַנק" אין פּאַריז, וועגן „דאָס פרייע וואָרט" אין אַרגענטינע?

---

נישט געקוקט אויף די אונטערשיידן, וואָס האָבן אַלעמאָל עקזיסטירט אין די פּאָליטישע איינשטעלונגען פון די פאַרשידענע אַנאַרכיסטישע גרופּירונגען — האָט אָבער אַלעמען זיי אַלעמאָל פאַראייניקט איין גרונט־געדאַנק: די פּרינציפּיעלע, אומבויגזאַמע קעגנערשאַפט צו מלוכה־מאַכט.

דער אַנאַרכיזם האָט אַלעמאָל געזען אין דער מלוכה, אין אַלע אירע פאָרמען, אַ דעספּאָטישע צי אַ דעמאָקראַטישע, דעם מקור פון אַלעם שלעכטס, דעם מקור פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, פון נאַציאָנאַלע אַנטאַגאָניזמען, פון מלחמות. דער אַנאַרכיזם איז אַלעמאָל געווען אַ פּרינציפּיעלער און אומבויגזאַמער שונא פון דער סאַמע עקזיסטענץ פון מלוכה מיט אַלע אירע אַטריבוטן, ווי אַרמיי, פּאָליציי, תפיסות, רעליגיע א. א. וו. דער אַנאַרכיזם האָט זיך אַלעמאָל באַטראַכט ווי אַן אַנטי אויטאָריטאַרע, אַנטי מיליטאַריסטישע, אַנטי קלעריקאַלע און קאָסמאָפּאָליטישע באַוועגונג. דער אַנאַרכיזם, אין אַלע זיינע שאַטירונגען, האָט געשטרעבט אָפּצושאַפן די מלוכות און איינצושטעלן אַ פרייע, שטאַאַטלאָזע געזעלשאַפט געבויט אויפן יסוד פון פרייער פאַרייניקונג פון מענטשן.

אגב, וואָס שייך דער ענדגילטיקער ציל־שטרעבונג האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט קיין שום אונטערשייד צווישן אַנאַרכיזם און סאָציאַליזם. אויך דער סאָציאַליזם שטרעבט צו אַ קלאַסנלאָזער און שטאַאַטלאָזער געזעלשאַפט. די חילוקי־דעות האָבן זיך געדרייט נאָר אַרום די וועגן צום דאָזיקן ציל. דער סאָציאַליזם האָט געהאַלטן, אַז די פאַרווירקלעכונג פון דאָזיקן אידעאַל וועט קומען ערשט נאָך אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד, ווען דער אַרבעטער־קלאַס וועט איבערנעמען די מאַכט, פאַרמלוכהשן די פּראָדוצירמיטלען, אָפּשאַפן די קלאַסן־קעגנזאַצן און „ווען עס וועלן נישט זיין מער קיין געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וועלכע מען וועט דאַרפן האַלטן אין אונטערטעניקונג, ווען עס וועט נישט זיין מער קיין הערשאַפט פון איין קלאַס איבער אַ צווייטן — וועט במילא אָפּפאַלן די נויטיקייט פון אַ מלוכהשער מאַכט, וועלכע פירט אויס די דאָזיקע פונקציע", (ענגעלס). דאַקעגן האָט דער אַנאַרכיזם אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק פון אַזאַ איבערגאַנגס־תקופה און האָט געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן אידעאַל אַזוי צו זאָגן פון „היינט אויף מאָרגן", דורך צעברעכן די מלוכה־מאַשין און גלייך אויפשטעלן אַ געזעלשאַפט פון פרייע קאָמונעס.

כ'האָב נישט דאָ בדעה אַריינצוגיין אין אַ וויכוח אַרום דעם ווער ס'איז טעאָרעטיש מער גערעכט, דער אַנאַרכיזם צי דער סאָציאַליזם. ס'וואָלט זיך אָבער געדאַרפט אויסדוכטן, אַז זייענדיק פּרינציפּיעלע קעגנער פון יעדער מלוכהשאַפט, וואָלטן די יידישע אַנאַרכיסטן באַדאַרפט די זעלביקע באַציונג האָבן אויך צו דער יידישער מלוכהשאַפט, צו דער ישראל־מדינה.

כדי אויסצומיידן מיספאַרשטענדענישן דאַרף מען דאָ נאָכאַמאָל דערמאָנען, אַז די אַנאַרכיסטישע קעגנערשאַפט צו מלוכה באַטייט נישט קיין קעגנערשאַפט צום פאָלק און במילא צום יידישן ישוב אין ישראל. פאַרקערט, לויט דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע איז יעדע מלוכה־מאַכט, אפילו די דעמאָקראַטישסטע, אַ פּאַראַזיט אויפן קערפּער פון פאָלק, אַן עקספּלואַטאַטאָר, אויסנוצער און אונטערדריקער פון דער געזעלשאַפט.

אָבער דאָס וואָס איז חל פאַר די אַנאַרכיסטן פון אַלע פעלקער לגבי די מלוכות, שטאַאַטן פון אַלע לענדער — איז נישט חל פאַר די יידישע אַנאַרכיסטן און נישט חל אויף דער ישראל־מדינה.

קיין שום מלוכה טויג נישט — אָבער די ישראל־מלוכה איז „עפּעס אַנדערש". קיין שום אַרמיי, קיין שום מיליטאַריזם איז נישט גוט — אָבער דאָס האָט נישט קיין שייכות צו דער יידישער אַרמיי, צום צה"ל. אַלע מלחמות זענען פאַרברעכעריש — אָבער נישט די סיני־אַקציע...

ס'איז משונהדיק צו לייענען, ווי אונזערע יידישע אַנאַרכיסטן, די פּרינציפּיעלע קעגנער פון אַלע מלוכות און די אַמאָליקע פאַרברענטע קאָסמאָפּאָליטן, זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון נאַציאָנאַליסטישן „פּינטעלע ייד", אַזוי ווייט, אַז זיי לאָזן נישט פאַלן קיין שפּרענקעלע קריטיק אויף דער פּאָליטיק און אויף די האַנדלונגען פון דער ישראל־רעגירונג. ווען דו לייענסט די יידישע אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן גאָפּסטו און וווּנדערסט זיך — וואָס שיידט דען היינט אונטער די דאָזיקע אַנאַרכיסטן פון גאַנצן כלל ציוניסטן...

כ'האָב נישט קיין טענה צו די יידישע אַנאַרכיסטן פאַר זייער באַציונג צו דער ישראל־מדינה — אָבער וואָסער שייכות האָט דאָס צום אַנאַרכיזם? זאָלן זיי דערקלערן, אַז זיי זענען מער נישט קיין אַנאַרכיסטן און אַלץ וועט זיין „בסדר". אָבער זאָלן זיי נישט אונטערן מאַנטל פון אַנאַרכיזם פּראָפּאַגירן שטעלונגען, וואָס זענען אין דער שאַרפסטער סתירה צו דער אַנאַרכיסטישער טעאָריע. ס'איז סיי נישט מאָראַליש, סיי דאָס שאַפט אַ פּלאָנטער ביי די וואָס אינטערעסירן זיך מיט דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור.

ס'איז כדאי אויך דאָ אָנצווייזן, אַז אין ישראל זענען פאַראַן אַ געוויסע צאָל אַנאַרכיסטן, וועלכע באַטראַכטן זיך גלייכצייטיק ווי

(סוף אויף זייט 17)

משה זהבי

# תל־אביבער בילדלעך

## אין משרד פון אפאטראפוס

געווען אַ צייט, ווען יידן פון אַלע גלותן האָבן געשטראָמט אין לאַנד, דעמאָלט האָט דער עמךדיקער אַפּאַטראָפּוס, דער באַלעבאָס איבער יפוער באַלעבאַטישקייט, געטיילט מיט אַ ברייטער האַנט, פאַר די געקומענע נע־ונדניקעס, וועמען אַ „שיכון״ אָן אַ דאַך אין דזשעבעליע, וועמען אַ „בית־משותף״ אָן טירן און פענצטער אויפן שטח־הגדול און וועמען סתם אַן אָריגינעלע חורבה, מיט הענגענדיקע טעראַסן, אַן אַנטיק פאַר קונסט־מאָלער. ווער ס׳האָט געהאַט מזל, אָדער אַ פאַרטיי־לעגיטימאַציע, האָט צוגעקריגן אַ קרעמל, אַ גאַזאָזל אָדער סתם אַ לאָקאַל — אויף צו פאַרקויפן... נאָכן פאַרטיילן די באַלעבאַטישקייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון רעמאָנטן און תיקונים; וועמען ס׳האָט געפעלט אַ דאַך, אַ סופיט, פענצטער, טירן, ליכט און וואַסער — אַרבעט איז געווען פאַרן אַפּאַטראָפּוס איבערן קאָפּ. אין בידנעם משרד פונעם אַפּאַטראָפּוס איז אין די וואָכן טעג געווען לעבעדיק. אויף דער פאָדלאָגע, אַרום די פאַרשמוצטע, צעקראַצטע ווענט, זענען געזעסן משפחה־ווייז ווייבער מיט קינדער. די מענער פון די משפחות זענען געשטאַנען אין די פאָדערשטע פאָזיציעס, מיט ענערגיע געגוואַלדעוועט און געפאָדערט זייערע רעכט, אַריינגעשריגן אויף פאַרשידענע שפראַכן זייערע צרות און נויט: דער רעגן גיסט אַריין אין די בעטן, די קינדער זענען קראַנק... פאָדערן זיי אַלע צוזאַמען צו מאַכן זיי שנעלע רעמאָנטן אָן אַ תור. צווישן דעם קנויל שרייענדיקע, ביי אַ פאַרפלעקטן מיט טינט, אָרעמען טישל, זיצט איבערגעבויגן, אַ מידער, אַ הייזעריקער פקיד אין דערוואַרטונג אויף אַ „סיורפריז״. אומגעדולדיקע היציקע קלאַפּן אין טיש אַריין. אָפּט ווערט דער טיש אומגעוואָרפן. ס׳טרעפט אויך אַמאָל דער טינטער דעם פקיד אין פרצוף אַריין...

אַזוי איז געווען אַמאָל — און היינט?

⁂

דער משרד פון רשות־הפּתוח (אַמאָליקער אַפּאַטראָפּוס) זעט אויס ווי אַ באַנק לאומי: אַן אייל־געפאַרבטע באַריערע, מיט פענצטערלעך איבער דער גאַנצער לענג פון גרויסן שיינעם לאָקאַל; פון איין זייט באַריערע אַ האַלבער טוץ באַאַמטע, פון דער צווייטער זייט, אויף באַקוועמע בענק — עטלעכע יפוער איינוווינער, וואָס וואַרטן זיצנדיק, רואיק־שטיל, אויף זייער תור. ביים ערשטן באַקוועמסטן פענצטערל, זיצט ווייך אויסגעבעט און פוצט זיך פלייסיק די נעגל, אַ יונגעטשקער קאַסירער. יעדע 10—15 מינוט שרייבט ער אויס אַ לאָקשן־קבלה אויף אַ וועקסעלע פון אַ 10 ל״י. אין אַ דרעמלדיקער שטילקייט הערט זיך אַ שעפּטשעריי, דאָס דערציילן זיך די באַאַמטע זייערע נאַכט־חלומות זופנדיק בנעימותדיק די טיי. צווישן די טישן פון די באַאַמטע, דרייט זיך אַרום אַ הויכער, ברייטפּלייציקער מיט שמאָלינקע וואָנסעלעך, דער מנהל. איין האַנט אין דער טאַש, די צווייטע אויפן מויל צו פאַרשטעלן די כראָנישע גענעצעריי. דער בכבודיקער רשות־הפּתוח איז באַגרענעצט אין זיין אַרבעט. נישטאָ מער קיין ווױנונגען, קיין קרעמלעך אויף צעטיילן. אויך קיין רעמאָנטן מאַכט מען היינט נישט. דריי אויפגאַבעס איז דאָ צו דערפילן: נעמען דירה־געלט, נעמען שליסל־געלט און די הויפּטאַרבעט איז צו פאַרלענגערן די קאָנטראַקטן — נישט מער. און אַ מתנה פון זיין חסד, אַ הנחהלע, גיט דער רשות הפּתוח פאַר די, וואָס פאַרזאַמען נישט. איילן טאַקע די יפוער אַרעמקייט צו באַנייען זייערע קאָנטראַקטן, באַגלייטע מיט 10 ל״י „שמערגעלעך״.

⁂

צום קאָנטראַקטן־שרייבערס פענצטערל, קומט צו אַ יפוער בירגער מיט אַ סודותדיקן שמייכל אויף זיין צופרידן פנים. צו זיין מתנה־הנחה פון רשות־הפּתוח פאַרמאָגט ער אַ צווייטע הנחה, אַן אויסגעווינטע „פּראָטעקציע״ פון דער סאָציאַלער־הילף. דער פקיד דערקלערט רואיק, אַז נאָר איין הנחה ווערט אָנערקענט — די צווייטע אַנולירט.

איז דער כראָניש־קראַנקער, במילא כראָניש־אַרבעטסלאָזער, נישט מוותר אויף זיינע פּריווילעגיעס, ווערט ער אָפּגעשיקט צום מנהל. מיט אַ פריינטלעכן שמייכל באַגעגנט דער מנהל דעם אויפגערעגטן קראַנקן אַרבעטסלאָזן, הערט אים אויס רואיק און געדולדיק און ענטפערט אָפּ מיט אַן ענערגישן — „מצטער מאד״!

—מצטער מאד... ענטפערט דער קראַנקער אַרבעטסלאָזער — מוז איך דאָך נישט באַנייען דעם חוזה און מאַכן זיך אומנויטיקע קאָסטן. כ׳קאָן צאָלן פּינקטלעך דירה־געלט אָן אַ חוזה. דערהערט אַ זעלכע דיבורים, איז פאַרשוווּנדן דער שמייכעלע פון די מנהל׳שע וואָנסעס. און ווען עס האָבן נישט געהאָלפן די לאַנגע, לאָגישע איבערצייגונגען, צו וואָס, צו ווען, פאַר וועמען זענען נויטיק די אַלע־יאָר־באַנייטע־קאָנטראַקטן, האָט זיך דער מנהל געגעבן אַ שטעל אויף און מיט מנהל׳שן מוט אַזאָג געטאָן, אַזוי צוזאָגן: אַז דו און אַנדערע אין יפו ווען נישט פאַרלענגערן זייערע קאָנטראַקטן, איז וואָס, וועל איך און אָט די באַאַמטע (דערביי האָט ער געמאַכט מיט דער האַנט אַ האַלבן רונד איבער די טישן) טאָן — בלייבן אַרבעטסלאָז?..

⁂

דער קראַנקער אַרבעטסלאָזער איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. עס איז אים קלאָר געוואָרן אַן אמת... צו וואָס מ׳דאַרף אַלע יאָר נייע קאָנטראַקטן... ער האָט אויפן אָרט פאַרלענגערט זיין חוזה. ושלום על ישראל!

## ווען מען ווערט צו שנעל געזונט...

די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון תל־אביב—יפו, לאָזט זיך קאָסטן: גרויסע מודעות ווערן אויסגעקלעבט אין די גאַסן; בריוועלעך ווערן געשיקט צו די בירגער, וואָס לערנען צו צאָלן פּינקטלעך די שטאָטישע שטייערן. טוט גוט די שטאָט פאַרוואַלטונג.

ווען אַ קראַנקער ווערט אָנגענומען אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל, דאַרף ער איינצאָלן פאַר אַ 20 טאָג פאָראויס; ווען ער קרענקט אַדורך אַ 12—15 טעג, ווערט דער קראַנקער אַלאַרמירט איינצוצאָלן אויף ווייטערדיקע 20 טעג. דאָס איז אויך בסדר. די שפּיטאָל־פאַרוואַלטונג מוז דאָך נישט נאָכלויפן דעם געזונט געוואָרענעם כדי אויפצומאָנען אַ חוב.

פאַרקערט אָבער, טאָמער ווערט חלילה דער קראַנקער געזונט פאַר דער באַצאָלטער צייט, ווערט ער נאָך אַמאָל קראַנק, לויפנדיק אָפּנעמען דאָס רעשט געלט, וואָס אים קומט.

אויף דעם זענען דאָ פאַרטיקע תירוצים:

אַ 4 וואָכן דויערט „מאַכן דעם חשבון״. אַ 3 וואָכן דויערט „אַוועקשיקן דעם השבון״. און סתם לויפעניש נאָכן טשעק. דער בוכהאַלטער איז אויף חופש. דער טשעק איז פאַרשלאָסן...

ווער אָבער ס׳האָט הייס בלוט, און קען זיך שוין אויף דער אָרדנונג, גיט ער אַ זעץ אין טיש און ס׳הויבן אָן קלינגען די טעלעפאָנען, די חשבונות ווערן גלייך געמאַכט און דער טשעק באַווייזט זיך דעם זעלבן טאָג...

## אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק

די תל־אביבער איינוווינער, געניסן פון אַ גוטער, רייכער שטאָטישער ביבליאָטעק מיט אַ גוטער און העפלעכער באַדינונג: איינער נעמט אָפּ דאָס ביכל, אַ צווייטער פאַרשרייבט, אַ דריטער זוכט אויס דאָס געפאָדערטע ביכל און אַ פערטער דערלאַנגט דיר דאָס בוך. ביי דער זייט זיצט אויך אַ „קאַסירער״ און אַ יונגע מזכירה איז פאַראַן, מיט אַ געהילף, פאַרשטייט זיך. און אַ מנהל איז אויך פאַראַן, נאָר ווער ער איז, ווייס קיינער נישט. רעדן מיט אים קאָן מען נישט. ער „זיצט״ אין פאָסט־קעסטל נומער 80.

אַלץ איז גוט און פיין, ביז... איינעם פאַרווילט זיך צו ווערן אויס לייענער, דעמאָלט הויבט זיך אָן אַ לויפעניש נאָך דער 2 ל״יתדיקער קויציע. נישטאָ קיין געלט אין דער קאַסע. קומסט אַ צווייטן מאָל, איז שוין געווען געלט און ווידער נישטאָ. אַ דריטן מאָל איז דאָ געלט איז דער קאַסירער נישטאָ. וואָס אַן אמת, נאָך אַ פּאָר חדשים לויפעניש קריגט מען יאָ אָפּ דאָס געלט... ערגער איז, אַז אַ צווייטער קומט אָפּנעמען די 2 ל״י. דאָס איז גאָר נישט מעגלעך. נאָך ערגער איז, אַז די קבלה אויף די 2 ל״י איז פאַרלוירן געגאַנגען. דער היבשער באַאַמטן אַפּאַראַט מיט דער העפלעכער מזכירה דערקלערן: ס׳איז דאָ אַ „געזעץ״ אַז דער, וואָס האָט איינגעצאָלט די 2 ל״י מוז פּערזענלעך קומען אָפּנעמען. זאָל ער קומען פון נגב, פון גליל, פון יענער וועלט... ווייל... ס׳איז דאָ אַ קאָנטראָלער מיוחד, וואָס קאָנטראָלירט די 2 לירותדיקע אונטערשריפטן... ווערסטו מיד און אויפגערעגט נאָך אַ 7 מאָל לויפן און אויב ווערסט נישט איבערצייגט פון די „לאָגישע געזעצן״ און פאָדערסט די 2 ל״י ווערט פאַר דיר געמאַכט אַן „אויסנאַם״... ס׳געפינט זיך אַ טופס אויף אַן אונטערשריפט, אַ צווייטער טופס אנשטאָט די פאַרלוירענע קבלה און נאָך אַ מאָל גיין און קומען מיט אַ „ריכטיקער״ אונטערשריפט, ווערט מיט מזל אויסגעצאָלט די 2 ל״י — אויב ס׳איז דאָ געלט אין דער קאַסע.

וואָלט נישט גלייכער, שענער, לאָגישער געווען, רעדוצירן אַ זעלכע קאָנטראָלערן, איבעריקע באַאַמטע און לאָזן זיך באַדאַי אָפּנאַרן מיט אַ זעלכע 2 ל״י אויב ס׳געפינט זיך אַזאַ אָפּנאַרער...

מרדכי יפה

# „אויף קידוש השם"

ירחמיאל בריקס איז איינער פון די געציילטע שרייבער, וואָס איז געבליבן לעבן פון דעם דריטן חורבן. ער איז דער איינציקער, וואָס איז אָפּגעבליבן פון אַ משפּחה פון אַ פּאָר הונדערט נפשות אין פּוילן. ער גופא איז דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גיהנום פון פּיין און ענויים. ער איז נאָך איצט אויך אַ יונגער מענטש, אָבער ער האָט שוין דעם „סטאַזש" פון אַ היינטצייטיקן איוב. איז געוויס כדאי צו וויסן ווי אַזוי ער, וואָס איז על פּי נס ניצול געוואָרן פון די נעגל פון טויט, האָט דערנאָך רעאַגירט אויף דעם חורבן, וואָס ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן; וואָס פאַראַ ווערטער און וועלכע שרייבערישע מיטלען ער האָט באַנוצט צו שילדערן דעם אמתן, נישט אויסגעטראַכטן גיהנום און אויסצודריקן זיין צער און צאָרן.

דאַרף מען זאָגן, אַז זיין קינסטלערישער חוש האָט אים דיקטירט ער זאָל נישט געבן, ווי אַ סך אַנדערע, קיין נאַקעטע פאַקטן פון בלויזער כראָניק. ער האָט די פאַקטן, וואָס ער האָט געבראַכט אָנגעטאָן אין בלוט און פלייש און זיי דערהויבן צו דער הויך פון עכטער געשיכטע. ער האָט געהאַט דעם כוח בייצושטיין דעם נסיון און נישט דערציילן פון זיינע אייגענע טראַגישע דערפאַרונגען, זיך גופא אין גאַנצן נישט דערמאָנען; און זיין אָביעקטיוו דאָרט ווו אַנדערע האָבן בשום אופן נישט געקאָנט. אמת, די אָביעקטיווקייט איז נישט קיין פאָרמעלע, נאָר אַ ווירקנדיקע און באַצווינגענדיקע דורך דעם, וואָס אין הינטערגרונט זענען פאָרט דאָ זיינע אייגענע דערפאַרונגען. די מעלות פון אַזאַ אָביעקטיווקייט זענען אין דעם, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט אַריינפאַלן אין די צוויי עקסטרעמען: פון דעם, וואָס איז אין אוישוויץ נישט געווען און פון דעם, וואָס איז דאָרט שוין צו שטאַרק געווען. ער האָט נישט געדאַרפט אויסשרייען און אויסוויינען דעם חורבן־איינדרוק, ווי דער, וואָס האָט פון דערווייטנס געוואָלט אויפכאַפּן און אויסדריקן דעם אָפּקלאַנג דורך אָנווענדן די פאַנטאַזיע און אפילו אַרויסרופן געפילן; און, ווי דער קרבן, וואָס האָט אַליין געזען די עקדה, האָט ער נישט געדאַרפט אויספאַנטאַזירן, נאָר געבן די פאַקטן, וואָס שטייגן אַריבער יעדער פאַנטאַזיע. דאָס גלייכגעוויכט, דער סינטעז פון שאַרפער אָבסערוואַציע און קינסטלערישער אָביעקטיווקייט, פילט זיך אין אַלץ, וואָס ירחמיאל בריקס האָט געשריבן און אַרויסגעגעבן אין אַ בוך.

דאָס איז דאָס בוך, וואָס באַהאַנדלט אונזער דריטן חורבן, דאָס בוך וואָס האָט שוין ביז איצט געהאַט דריי אויפלאַגעס (ירחמיאל בריקס: „אויף קידוש השם" און אַנדערע דערציילונגען, מיט אַ הקדמה פון ד"ר א. מוקדוני, ניו־יאָרק).

דער ערשטער טייל פונעם בוך, וואָס האַלט 145 זייטן, האָט איין גרויסע דערציילונג א. נ. „אויף קידוש השם", וואָס אירע 92 זייטן קאָן סטייען פאַר אַ סך קלענערע, באַזונדערע דערציילונגען. דאָ וויקלט זיך פאַנאַנדער, פון איין זייט, דאָס מאויםדיקע בילד פון אַ מאַסן־אינקוויזיציע, ווו היטלערס סאַטראַפּן האָבן דורכגעפירט, מיט דער באַוווסטער דייטשער פּינקטלעכקייט, די מאַסן־פּייניקונג איבער זייערע קרבנות, וואָס זענען לעבעדיק באַגראָבן געווען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן איידער זיי זענען אַוועק מיטן רויך פון די גאַז־קאַמערן; און, פון דער צווייטער זייט, דאָס טראַגיש־דערהויבענע בילד ווי „יידן האָבן מקדש השם געווען; ווי יידן האָבן אין אַזאַ צייט נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז מענטשלעכקייט וועט דאָך זיגן און האָבן נישט פאַרלוירן דעם בטחון אויף נצח ישראל".

עס איז די געשיכטע פון דער טאָטאַלער עקסטערמינאַציע פון די יידן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1944, ווען די נאַציס האָבן ליקווידירט אַלע געטאָס און אַרבעטס־לאַגערן, ווו ס'האָבן זיך געפונען יידן. עס איז נאָר געבליבן די לאָדזשער געטאָ, ווו ס'האָבן זיך געפונען אַרום זיבעציק טויזנט יידן, אויסגעמאַטערטע פון שקלאַפעריי און הונגער. דער מחבר הייבט אָן דערציילן וועגן דעם „טריק", וואָס די נאַציס האָבן נאָך באַנוצט אָפּצונאַרן די יידן. ער שילדערט די סצענע ווי אַן עולם יידן, האַלבע מתים, זענען געווען פאַרזאַמלט אויף אַ פּלאַץ פון אַ שניידער־פאַבריק און דער הענקער פון לאָדזשער געטאָ האַנס ביבאָוו און דערנאָך דער יידישער „קעניג" פון דער געטאָ רומקאָווסקי, האָבן זיי מודיע געווען, אַז מ'שיקט זיי איבער אויף אַן אַנדער פּלאַץ אויף אַרבעט; ווי מ'האָט זיי אַריינגעפּאַקט אין די פי־וואַגאָנעס און אַוועקגעפירט קיין אוישוויץ. אָבער די הויפּט שילדערונג איז פון דעם תהום ענויים, וואָס די קרבנות זענען אויסגעשטאַנען אין די לאַגערן, ביז מ'האָט זיי אַריינגעטריבן אין די גאַז־קאַמערן.

דער מחבר האָט אַרויסגעבראַכט פון געדעכעניש אַ שלל בילדער, סצענעס, עפּיזאָדן, וואָס איינס שטייגט אַריבער דאָס צווייטע מיט זיין שוידערלעכקייט. די טראַגעדיע ווייזט זיך אַרויס נאָך קענטיקער דורך דעם, וואָס דער פערזאָנאַזש — סיי די האַלבע מתים און סיי די הענקער — זענען געמאָלן אין לעבעדיקע פאַרבן, ווו ס'דאָמינירט, נאַטירלעך, די רויט־קייט. עס פיגורירן, פון איין זייט, מענטשן, וואָס האָבן נאָך נישט פאַרלוירן דעם צלם אלהים; וואָס קלאַמערן זיך אָן עפּעס וואָס דערהייבט זיי; מאַרטירער און העלדן, וואָס האָבן מקדש השם געווען איידער מ'האָט צוגענומען זייער לעבן אויף אַ שענדלעכן אופן; און פון דער צווייטער זייט, דעגענעראַטן, מנוולים, פאַרשוינען וואָס זענען ווילדער ווי חיות, מחמת חיות פאַרציקן אָבער איזדעקווען זיך נישט איבער זייערע קרבנות. דער מחבר שילדערט זיי אַלע אין די פאַרשידנסטע צושטאַנדן. ער גריבלט זיך נישט, באַנוצט נישט קיין ראַפינירטע ווערטער און אויסדרוקן, נאָר איז קלאָר און פּשוט אין לשון און אין דער שילדערונג. און דער חידוש איז, וואָס דווקא אין דעם דאָזיקן אָביעקטיוון רעאַליזם, ווייזט ער זיך אַרויס ווי אַ פּסיכאָלאָג, ווי אַ קינסטלער, וואָס קאָן מיט אַ פּאָר שטריכן, דורכן מעדיום פון איינגעהאַרכטע ווערטער, פּראָזע, רייד און שמועסן, אַרויסברענגען אַ בילד, אַ טיפּ, אַ פּאַסירונג. מערקווירדיק איז, וואָס ער פאַרגינט זיך אפילו צו באַלויכטן די טראַגעדיע מיט אַ געוויסן הומאָר. דאָס איז די גבורה פון דעם עכטן כראָניקער פון חורבן, וואָס וויינט נישט און שרייט נישט, נאָר דערציילט פאַר דורות דעם אמת אין אַלע זיינע גרויליקע פּרטים אויף אַן עפּישן, איינגעהאַלטענעם אופן, בעת דאָס אייגענע האַרץ ווערט צעריסן אויף שטיקער.

און דערפאַר זענען טייל געשטאַלטן, וואָס ער ברענגט אַרויס אַזוי רירנדיק און איבערצייגנדיק. און דערפאַר דערפילט מען אַזוי דעם תהום וואָס טיילט פאַנאַנדער די קרבנות און זייערע הענקער. למשל, דבורה־לאה מיט אירע צוויי קינדערלעך, וואָס זי און איר טאָכטערל האָבן מקדש השם געווען; און, להבדיל, די לאַגער־עלטסטע פריילין אירמאַ גריזער, „די קרוין פון דער היטלער־יוגנט", וואָס איז אַליין באַקרוינט געווען מיט דער שלאַנגען־קרוין פון סאַדיזם. דאַרף מען זיך נישט גריבלען אין איר צע־פוילטן וועזן. עס איז גענוג מ'זאָל דורכלייענען די קורצע סצענע ווי די דאָזיקע אירמאַ האָט זיך איזדעקוועט איבער דאָס קליינע מלאכל רבקהלע ווען זי האָט „ליב" געהאַט: „דערנאָך האָט זי, אירמאַ, אַרויסגענומען אַ שטיקל ברויט מיט פערד־וווּרשט. זי האָט אויסגעצויגן די האַנט. רבקהלע האָט אויסגעצויגן איר הענטל און אירמאַ גרייזער האָט צוריקגעכאַפּט. ווען רבקהלע איז שוין געווען גוט אויפגערייצט האָט אירמאַ גרייזער די פאָרציע אַ וואָרף געגעבן דעם הונט. דער הונט האָט אַ שפּרונג־אונטער געגעבן און די פאָרציע איז אים געפאַלן אין פּיסק אַריין... רבקהלן ציט ביים הערצל, זי פּלאַצט אַרויס אין אַ יאָמערלעך געוויין. אירמאַ גרייזער צעהילכט זיך אין אַן אויסגעלאַסן געלעכטער. זי האַלט זיך פאַר די זייטן. זי נעמט אַרויס אַ שטיקל ברויט און דערלאַנגט רבקהלן: — כאַ־כאַ־כאַ! דו אייזל־קאָפּ! פאַרפלוכטער גייסט! דו האָסט פּורכט עס וועט פאַר דיר נישט לאַנגען? רבקהלע שלינגט ווי אַ הונגעריקער וואָלף. צוויי טרערן רינען איבער איר קליין איינגעפאַלן פּנים. פריילין אירמאַ שרייט: — דו פרעסט ווי איין ווילדער טיער! וואָס פאַר איין ווילדע טיערן זינד די יודן! מיין הונט עסט פיל מענטשלעכער!"

דער מחבר שילדערט אַלע מדורים פון דעם דאָזיקן גיהנום, ווו עס זענען געהאַנגען אויפשריפטן: „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס!" „אַרבעט מאַכט פריי!" ווו אונטער די קלאַנגען פון מוזיק זענען געגאַנגען קאָמאַנדעס מיט שויפלס צו דער אַרבעט, מאַכן שוצגראָבנס; און אונטער די קלאַנגען פון אַ צווייטן בלאָז־אָרקעסטער האָבן „עס־עס" געטריבן מיט הינט נאַקעטע פרויען צו דער גאַז־קאַמער. ער איז נישט מאַריך, באַנוצט נישט קיין „שטאַרקע" ווערטער, נאָר די שטאַרקייט דערפילט זיך אין די קליינע טראָפּנס, וואָס ער גיסט אַריין אין דער שילדערונג: „ווען פריילין אירמאַ איז געגאַנגען איבערן לאַגער... זענען אַלע זיך צעלאָפן, ווי די טויבן, ווען זיי דערזעען דעם שפּאַרבער". אָדער, להבדיל: „דבורה־לאה האָט אַריינגעקוקט אין דער שיסל. זי האָט דערזען איר פּנים און זי האָט זיך נישט דערקענט. זי איז אין גאַנצן משנה צורה געוואָרן. דער אָפּגעשוירענער קאָפּ איז געווען ווייס ווי שניי (זי האָט פריער געהאַט געדיכטע, לאַנגע, שוואַרצע האָר)". און אויך די אַנדערע קורצע שילדערונגען ווירקן אַ סך מער ווי טעפּ „שטאַרקע" רייד, וואָס פאָרענען מיט צאָרן. דאָ רעדט די

(סוף פון זייט 15)

ציוניסטן, ווי צבש. נתן חופשי און אַנדערע, וואָס זענען אָנגעשלאָסן אין דער גרופּע „איחוד". זיי געהערן אָבער צו די שאַרפסטע קעגנער פון דער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגירונג. זיי באַקעמפן דעם מיליטאַריסטישן און שאָוויניסטישן גייסט, וואָס הערשט אין דער מדינה; זיי שטרעבן צו אַ פרידלעכער ישראל־אַראַבישער פאַר־שטענדיקונג אויפן יסוד פון קעגנזייטיקע קאָמפּראָמיסן און פון אַ גערעכטער לייזונג פון אַראַבישן פּליטים־פּראָבלעם.

די ניי־געבאַקענע „אַנאַרכיסטישע" ציוניסטן פון דער „פרייע אַרבעטער־שטימע" און פון „פרייען געדאַנק" האָבן דאַקעגן אויס־געקליבן דעם באַקוועמען וועג פון צו זיצן אין אויסלאַנד און פון דאָרט שיסן זיי מיט פיילן קעגן די, וואָס וואָגן נישט מסכים צו זיין מיט דער פּאָליטיק פון דער ישראל־מדינה...

אברהם לעוו

# „דאָס הויז פון די ליאַלקעס"

ק. צעטניק „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע. בוענאָס־איירעס. 1955—תשט"ז.

אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" איז דערשינען „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" פון ק. צעטניק.

אויב פאַר די יידיש־לייענער איז דער נאָמען ניי, איז פאַר די העברעאיש־לייענער דאָ אין לאַנד, דער נאָמען גוט באַקאַנט. נאָך אַרום ניינצן־פופציק איז דערשינען אין העברעאיש אַ בוך פון זעלבן מחבר אונטערן נאָמען „סאַלאַמאַנדרע" און אין ניינצן־פופציק־צוויי איז אין פאַרלאַג „דביר" תל־אביב דערשינען דאָס בוך „בית הבובות". אויףביידע ביכער איז נישט אָנגעגעבן אַז זיי זענען געשריבן געוואָרן אין יידיש און פון יידיש איבערגעזעצט אין העברעאיש. דער לייענער האָט זיכער געמיינט אַז עברית איז די שפּראַך פון מחבר.

מיטן דערשיינען „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" ווערט קלאָר אַז דער מחבר האָט זיינע ביכער לכתחילה געשריבן אין יידיש און פון יידישן כתב־יד זענען זיי איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעאיש. „סאַלאַמאַנדרע" איז עד היום נישט דערשינען אין יידיש. פאַרוואָס איז אין די העברעאישע אויסגאַבן נישט אָנגעגעבן אַז ס'איז אַן איבערזעצונג, ווייס אפשר דער מחבר אַליין.

דאָס בוך „דאָס הויז פון די ליאַלקעס" איז אַ גרויזאַם בוך, איינס פון יענע מין ביכער מיט וועלכע אונזער ליטעראַטור איז באַרייכערט געוואָרן (אַך און וויי צו אַזאַ באַרייכערונג!) — נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך דעם גרויסן שניט אין וועלכן ס'איז כמעט פאַרשניטן געוואָרן גאָר דאָס בית־ישראל פון מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע. די ליטעראַטור פון די חורבן־יאָרן האָט זיך זייער צעוואַקסן אָבער, ווייזט אויס, אַז נאָך נישט אַלץ איז אויסגעשעפּט און אַנטפּלעקט געוואָרן פון די שוידערלעכקייטן וואָס די דייטשישע באַנדיטן זענען באַגאַנגען קעגן אונז.

אין זיין „הויז פון די ליאַלקעס" דערציילט אונז ק. צעטניק פון דעם גרויליקן גורל וואָס איז אויסגעפאַלן אויף די יונגע שיינע יידישע טעכטער וועלכע זענען פאַרשיקט געוואָרן אין די „פּופּע־הייזער" און „פרוידע־אַנשטאַלטן" צום פאַרווילן דעם דייטשישן סאָלדאַט. אויף זייער צאַרטער הויט ווערט אויסגעברענט מיט אַן עלעקטרישן סטעמפּל דאָס שוידערלעך־טראַגישע וואָרט — „פעלד־הורע"; נאָכן אָפּזיין אַ שטיקל צייט אין די „פרוידע־אַנשטאַלטן" ווו זיי ווערן מיאוס און ברוטאַל אויסגענוצט דורך די זעלנער און אָפיצירן, ווערן זיי פאַרשמיסן ביז צום טויט און אָפּגעשיקט צום פאַרברענט ווערן.

ס'איז סיי אַ קינסטלעריש סיי אַ דאָקומענטאַרישע בוך, וואָס מאַכט אויפשוידערן מיט זיינע שילדערונגען פון חיהשער, אכזריות און מענטשלעכער געפאַלנקייט.

דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן ערלעך, שטיל, אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן און אָן איבעריקע ליטעראַרישע באַפּוצונגען. רוי און נאַקעט ווערן דאָרט באַשריבן די סצענעס וואָס מאַכן אויפציטערן דעם לייענער. אין טאַקע דאָס בוך אויפגענומען געוואָרן גוט דורך דער העברעאישער קריטיק.

פון העברעאיש איז עס איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש. נאָר דווקא אין יידיש, אין דער שפּראַך אין וועלכער דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן האָט עס קיין מזל נישט געהאַט. לויט ווי איך האָב ערגעץ געלייענט, איז דער כתב־יד יאָרן לאַנג אָפּגעלעגן אין פאַרלאַג פון „פּוילישן יידנטום"; די רעדאַקטאָרן פון פאַרלאַג האָבן נישט געהאַט קיין חשק דאָס צו דרוקן. ערשט נאָכדעם ווי ס'איז דערשינען אין העברעאיש און אין ענגליש, האָבן זיי דאָס בוך אַרויסגעגעבן. אָבער אויך נאָכן דערשיינען אין יידיש האָט דאָס בוך קיין מזל נישט געהאַט און איז כמעט פאַרשוויגן און נישט באַמערקט געוואָרן דורך די יידישע קריטיקער.

דאָס פאַרשווייגן אַזאַ בוך איז לגמרי נישט באַרעכטיקט; עס ווילט זיך גלויבן אַז די אָפיציעלע קריטיקער און די ניט־אָפיציעלע שרייבער וועגן ביכער, האָבן זיך נישט גענומען די מי דורכצולייענען אָט דאָס שוידערלעכע בוך, וואָס מאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן, פאַרטרייבט דעם שלאָף פון אויג און דעם טעם פון גומען. וואָרום ווען זיי לייענען עס יאָ, וואָלטן זיי עס נישט געקאָנט פאַרבייגיין גלייכגילטיק און פאַרשווייגן.

מעגלעך, ווען מען גייט צו צום בוך מיט דער קריטישער רואיקייט פון שטרענג־ליטעראַרישע מאָסן ווייס איך נישט צי דאָס בוך וואָלט אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, — אָבער אַז דו לייענסט זיך אַריין אין בוך און דו לעבסט איבער די נאַקעטע אמתן וואָס ווערן דאָרט געשילדערט, פאַרלירסטו אַלע מאָסן. דאָס פאַרשווייגן אַזאַ בוך, איז בפירוש אַ שרייענדיקע עוולה.

***

דער שרייבער פון בוך, אַליין אַ געראַטעוועטער פון די דייטשישע גיהינום'ס, — אויף דעם זאָגט עדות זיין פּסעוודאָנים ק. צעטניק און זיין קאַצעט־נומער 135633 — שילדערט דעם טראַגישן גאַנג פון אַ יידישער טאָכטער, די אַלע איבערמענטשלעכע יסורים, גייסטיקע און פיזישע, וואָס זי האָט אַדורכגעמאַכט, ביז איר ענדגילטיקער פאַרניכטונג.

מירריידן אָפט וועגן זעקס מיליאָן קדושים; די צאָל איז אַזוי גרויס, און מען האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו דער ציפער — אַז זי מאַכט נישט מער קיין איינדרוק; מיר פאַרגעסן טיילמאָל וואָס עס באַהאַלט זיך אין אָט דער ציפער. ווי זאָגט אַן אַלט יידיש שפּריכוואָרט: „צוליבן וואַלד זעט מען נישט די בוימער". אָבער ווען מען נעמט אַרויס איינעם פון די זעקס מיליאָן און מען באַגלייט אים אויף זיין מאַרטירער וועג, הויבן מיר אָן כאָטש עפּעס צו באַגרייפן פון די יסורים וואָס אונזערע נאָענטסטע זענען דורכגעגאַנגען ביז זייער פיזישן אומקום.

דאָס טוט ק. צעטניק. ער נעמט אַרויס אַ פּערצן־יאָריקע יידישע טאָכטער, איינע פון די מיליאָנען אומגעקומענע, און ווייזט אונז איר שוידערלעכן וועג, פון אָנהויב אַריינמאַרש פון די דייטשן אין 1939, אין פּוילן.

דאַניעלאַ פּרעלעשניק, הייסט דאָס מיידעלע; אַ זעלטן־שיין יידיש קינד פון אַ רייך הויז; זי האָט זיך געהאָדעוועט אין לוקסוס, געלערנט אין אַ פּוילישער גימנאַזיע, און טאַטע־מאַמע האָבן מיט ליבשאַפט געציטערט איבער איר. זי האָט פאַרמאָגט אַ קליין זיבן־יאָריקן ברודערל מאָני, און אַן עלטערן ברודער אַ פאַרהייראַטן, האַרי הייסט ער און וווינט מיט זיין פרוי אין אַ צווייטער שטאָט. דאַניעלאַ האָט שטאַרק ליב אירע עלטערן, דעם קליינעם ברודערל מאָני, אָבער דעם ברודער האַרי, פאַרגעטערט זי ממש, פאַר זיין עלעגאַנטקייט, איידלקייט און שיינקייט.

(סוף אויף זייט 19)

---

פּשטות מיט אַזאַ סומנער איינגעקלעמטער שטילקייט, אַז עס הערט זיך נישט קיין ציין־געקריץ און קיין שלוכץ פון געוויין.

דער דאָזיקער אופן פון דערציילן און שילדערן סצענעס און עפּיזאָדן אויף אַ פּשוטן אופן, וואָס איז אין תוך גאָר נישט פּשוט; און אויף אַן אָביעקטיוון שטייגער, וואָס צערייסט דאָס האַרץ — פילט זיך נאָך שטאַרקער אין דער דערציילונג: „אַ קאַץ אין געטאָ". דאָ איז שוין נישט בלויז טראַגעדיע, נאָר אויך קאָמעדיע; און די האַרבקייט פון דער טראַגעדיע ווערט נאָך שטאַרקער דורך די טראָפּנס פון געלעכטער. אמת, עס איז דאָס געלעכטער אויף אַ בית־עולם; אָבער פאָרט הערט זיך געלעכטער, וואָס מאַכט נאָך אומהיימלעכער, נאָך גרויליקער דאָס „לעבן" פון די האַלבע מתים. וואָס עפּעס אַ קאַץ אין מיטן דערינען? עס איז אַ גאָר פּשוטע — און פאָרט נישט קיין פּשוטע, קיין געוויינלעכע — געשיכטע. אין געטאָ, ווו ס'האָט געהערשט אַ מוראדיקער הונגער, האָט מען די קעץ אויפגעגעסן. אָבער מיט אַמאָל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג: „ווער עס וועט ברענגען אַ קאַץ — דער באַקומט אַ ברויט פון צוויי קילאָ". קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן די שמחה ביי צוויי יידן, וואָס האָבן געכאַפּט אַ קאַץ. אייגנטלעך, האָט די קאַץ געכאַפּט די פרוי הערשקאָוויטש, אָבער א שותף צו דער קאַץ האָט זי געמאַכט דעם פּאַניע זאַבלודאָוויטש. און דאָ הייבט זיך אָן דער גרויסער טרוים פון הונגעריקע, וואָס האָבן באַקומען אַזאַ אוצר; אַלע ענוים, וואָס די „גליקלעכע" זענען אויסגעשטאַנען צוליב

דער קנאה פון די אַנדערע הונגעריקע, וואָס האָבן געוואָלט ווערן שותפים פון דעם דאָזיקן אוצר; אַלע טראַגיקאָמישע עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך דערביי אָפּגעשפּילט, ביז מ'איז דערגאַנגען אַז די קאַץ האָט קיין שום ווערט נישט. פּשוט, די מאַכטהאָבער דאַרפן נישט קיין קעץ! און מ'האָט די קאַץ אַרויסגעלאָזט פון זאַק „לחיים טובים ולשלום".

ווי אַ צוגאָב צו דער דאָזיקער געשיכטע ברענגט אַרויס דער מחבר — אויך אויף אַ הומאָריסטישן אופן — די געשיכטע פון הונגער אין געטאָ, ווו יידן האָבן זיך שטאַרק מתעסק געווען מיט... גאַסטראָנאָמיע. ס'איז נישט קיין וויץ, נאָר אַ ביטערער אמת. אָבער דאַרף מען לייענען די זאַך גופא, אַלע טשעקאַווע פּרטים, כדי מ'זאָל האָבן כאָטש די מינדסטע אַנונג, ווי אַזוי יידן זענען געוואָרן גערטנערער, האָבן צוגעפּראָוועט מאַכלים פון ביטערע קרויט־בלעטער, פון וואָס זיי זענען געוואָרן געשוואָלן.

די דאָזיקע אומגעוויינלעכע דערציילונג קאָן דינען ווי אַן אויטענטישער עדות פון אונזער דריטן חורבן, ווו אויף דעם בלוטיקן ים האָט זיך אויך געמיניעט די אומהיימלעכע שיין פון קאָמעדיע.

אָבער דאָס בוך ענדיקט זיך מיט דער רירנדיקער דערציילונג: „בערעלע אין געטאָ" — די געשיכטע פון אַ ייִנגל, וואָס איז ניצול געוואָרן פון טויט. אָבער צו וואָס פאַראַ לעבן זענען איבערגעבליבן אָט די געציילטע בערעלעך? דאָ ווייזט שוין נישט אַרויס דער מחבר קיין שום סימן פון שמייכל — פינצטערער טרויער קוקט אַרויס פון יעדער שורה.

דאָס אַלץ האָט דאַניעלאַ פאַרמאָגט ביזן סוף אויגוסט ניינצן־דרייסיק־ניין, ווען זי פאָרט אַרויס אויף אַן אומשולדיקן שול־אויספלוג פון איר היים קיין קראָקע; זי זעגנט זיך מיט טאַטע־מאַמע, מיט איר קליין ברודערל מאַני און ווייסט נישט אַז דאָס איז די לעצטע געזעגניש מיט אירע נאָענטסטע; זי טראַכט מיט פרייד פון איר ברודער האַרי, וואָס וווינט אין קראָקע און זי וועט זיך מיט אים דאָרטן זען און אים איבערראַשן מיט איר אומגעריכטן קומען.

אין די טעג פון שול־אויספלוג ברעכט אויס די מלחמה. דאַניעלאָס קלאַס ווערט אויסגעמאָרדעט דורך די דייטשן אויפן וועג, אין יאַבלאָוועץ דאָרף; זי ווערט דורך אַ צופאַל געראַטעוועט; די קויל וואָס איז געצילט אין דער פערצניעריקער דאַניעלאַ טרעפט אָן אין אַ דיקן מעטאַלענעם טאָוול פון איר טאָג־בוך און שפרינגט אָפּ. אַ פאַרבלוטיקטע לויפט דאַניעלאַ אַרויס ביינאַכט פון דער קופּע דערהאַרגעטע, קלאַפּט אין די דאָרפישע כאַטעס, מען זאָל איר עפענען, ראַטעווען, באַהאַלטן, זי וועט אַרבעטן פאַר זיי. אָבער קיין איין פויליש האַרץ האָט זיך נישט געעפנט פאַר דער יידישער טאָכטער; אַלע האָבן איר אָפּגעשטופּט, פאַרטריבן ווי אַ קרעציק הינטל.

דאַניעלאַ פאַלט אַריין אין געטאָ־קראָקע, וווּ דער גאָולייטער פראַנק ימ״ש הערשט. ס׳ווערט אָפּגעמעקט פאַר דער קליינער מיידל איר פריערדיקע שיינע און וואַרעמע היים, די זאָרג פון טאַטע־מאַמע, זייערע טייערע געזיכטער. זי זינקט איצט אין אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט פון בלוט, רציחות, פּיין, געמיינקייטן, הונגער, דערנידעריקונג; דאָס לעבן איז איינגעשטעלט יעדע רגע, גאָרנישט ווערט, אַ שטויבל איז מער, אַ דאַר פאַרוועלקט בלעטל אין ווינט איז איצט אַ סך מער ווערט, ווי די געצערטלטע שיינע טאָכטער דאַניעלאַ.

אין „הויז פון די ליאַלקעס“ שילדערט דער מחבר דאָס יאָר ניינצן־פערציק צוויי, דאָס איז געווען דאָס לעצטע יאָר פון דאַניעלאָס יסורים־פול קורץ לעבן.

טראָץ די שרעקלעכע איבערלעבונגען אין געטאָ, הונגער, שרעק, שווערע אַרבעט, צעבליען זיך דאַניעלאָס זיבעצן יאָר און שפּאַרן פון איר אַרויס מיט נאָר דער גאַנצער מיידלשער שיינקייט.

אין „אַ מיידל־אַקציע“ וואָס ווערט אין פאַרטאָג דורכגעפירט אין געטאָ ווערט דאַניעלאַ געכאַפּט און צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער יידישע מיידלעך אָפּגעשיקט אין אַ לאַגער. דאָרט ווערן זיי איבערגעקליבן און געשטעמפּלט ווי פערד. אַ טייל ווערט אָפּגעשיקט צו שווערע אַרבעט ביי וועלכע זיי פאַלן גלייך אין די ערשטע וואָכן; אויסגעמאַטערטע פון הונגער און קלעפּ ווערן זיי נאָכהער אָפּגעשיקט אין די קרעמאַטאָריעס. דער אַרבעטער בלאָק רופט זיך „אַרבעט דורך פרוידע“. אַ טייל ווערט אַריינגעשיקט פאַרן „וויסנשאַפט־בלאָק“; דאָ דינען זיי ווי ק.־אַליקעס פאַר דעם „אינסטיטוט פאַר היגיענע און וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג“. מען פרוווט אויף זיי אויס פאַרשידענע סמען, מען פירט דורך עקספּערימענטן פון אויסשניידן און איבערפלאַנצן פאַרשידענע פרויען־טיילן, פון קינסטלעכע פאַרשוואַנגערונגען און אַנדערע נסיונות; די קרבנות שטאַרבן דאָ אין די גרעסטע יסורים, אין די לענגסטע גסיסות, כדי די דייטשישע פּראָפעסאָרן און פאָרשער זאָלן קאָנען האָבן גענוג צייט צו באַאָבאַכטן די פאַרפייניקטע קרבנות.

די שענסטע מיידלעך דאַקעגן ווערן געשטעמפּלט ווי „פעלד־הורע“ און אָפּגעשיקט אין בלאָק „פרוידע־אָפּטיילונג“. אין אַזאַ בלאָק איז אויך דאַניעלאַ אַריינגעפאַלן, אַ געשטעמפּלטע, אַ סטעריליזירטע, אַ דערשלאָגענע, נישט וויסנדיק אויף וואָסער וועלט זי איז.

און אָט וואָס דער מחבר דערציילט אונז וועגן די „פרוידע־אָפּטיילונג“־בלאָקן:

„דאָ אין די ראָזע־קאָליר־געפאַרבטע בלאָקן, האָט מען נישט געשלאָגן. דאָ האָט מען געהיט די קערפּערס פון די מיידלעך זיי זאָלן זיין גאַנץ, זיי זאָלן חלילה נישט זיין צעשעדיקט. דאָ אַז אַ מיידל האָט באַקומען געשלאָגן האָט זי מער נישט געטאָרט צוריקגיין אין לאַגער, מען האָט זי באַלד אַרויפגעוואָרפן אויפן אויטאָ און — צום קרעמאַטאָריום.

„דאָ זענען יעדן טאָג צוויי אַ זייגער, אָנגעקומען דייטשישע סאָלדאַטן פון די דורכגאַנגס־קאַזאַרמעס — פאַרן אָפּמאַרש צום רוסישן פראָנט — פאַרוויילן זיך מיט די מיידלעך פון „פופן־הויז“. די מיידלעך האָבן זיך געדאַרפט באַמיען צופרידנצושטעלן די הויך־געשטעלטע געסט. אויב אַזאַ „הויך געשטעלטער“ גאַסט איז נישט צופרידן געווען פון דער „פאַרוויילונג“ האָט ער וועגן דעם געדאַרפט בלויז מעלדן ביים אַרויסגאַנג, אויפגעבן דעם נומער וועלכער איז געווען אויסגעקריצט אין פלייש פון דער מיידלס ברוסט. דאָס איז געווען גענוג. נאָך דריי אַזעלכע מעלדונגען איז דאָס מיידל געווען אַ פאַרמשפּטע“.

דער מחבר שטייט דאָ ווי אין אַ זייט, ער גיט אונז צו וויסן אַז זיין בוך באַזירט זיך אויפן סמך פון געפונענעם טאָג־בוך וואָס אַ פאַרפייניקטע יידישע טאָכטער האָט איבערגעלאָזן. אָבער זייענדיק אַליין איינער פון די געפייניקטע קען ער גוט די אכזריות פון די דייטשישע מערדער, וואָס האָבן פאַרשעמט דעם נאָמען פון מענטש אויף לאַנגע דורות.

ק. צעטניק דערציילט אונז דעם שרעקלעכן גורל וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט טויזנטער פון אונזערע שוועסטער ביז דער טויט האָט זיי אויסגעלייזט. זיי זענען געווען אַ שפּילצייג אויף צו זעטיקן די ווילדע תאוות פון די ברוינע טייוולאָנעם און קראַליקלעך פאַר די ברוינע האַרצלאָזע פּראָפעסאָרן.

ס׳איז שווער, זייער שווער צו לייענען די באַשרייבונגען, וועגן די געפילן פון געטאָ־מענטש, די יסורים־קלעפּ און הונגער פון לאַגער־ייד; נאָך שווערער איז צו לייענען וואָס עס איז געטאָן געוואָרן צו אונזערע צאַרטע טעכטער. אין בוך זענען דאָ קאַפּיטלען וווּ די גרויזאַמקייט איז באַשריבן אַזוי ברוטאַל אָפן, אַז נישט איינמאָל ציט זיך די האַנט און וויל פאַרמאַכן דאָס שוידערלעכע בוך. עס ווילט זיך פאַרגעסן, נישט געדענקען דאָס אַלץ. דאָס בוך לאָזט נישט פאַרגעסן, דער גרויל קריכט אַריין אין דיין לייב, פילט אויס אַלע צעלן פון דיין הויט און דו הויבסט אָן אַנען עטוואָס פון יענער אימה אין וועלכער עס האָבן געלעבט דיינע נאָענטסטע ביז זייער שרעקלעכן טויט, ביז זייער פאַרוואַנדלונג אין אַ ביסל אַש, אין אַ שטיקל זייף.

„דאָס הויז פון די ליאַלקעס“ איז אַ בוך וואָס איז נישט גרינג צום לייענען, אָבער וואָס מוז געלייענט ווערן כדי מיר זאָלן נישט פאַרגעסן דעם „מה שעשה לך עמלק“.

# לייוויק האָדעס

ווידער האָט די בונדישע באַוועגונג פאַרלוירן איינעם פון אירע גייסטרייכסטע פערזענלעכקייטן. אין עלטער פון 64 יאָר איז אין ניו־יאָרק געשטאָרבן — חבר לייוויק האָדעס.

חבר לייוויק האָדעס האָט געהערט צו די אָנפירנדיקע חברים פון „בונד“. בעת זיין זיין אין ליטע אין 1919—1920 איז ער געווען מיטגליד פון הויפּט־קאָמיטעט פון ליטווישן בונד. ער איז געווען מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פוילישן „בונד“. נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע איז ער געווען מיטגליד פון דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד“ אין פוילן און שפּעטער אַ מיטגליד פון וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט.

לייוויק האָדעס איז געווען אַ לערער פון באַרוף. ווי אַ לערער האָט ער אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלע ליבע צו קינדער. ער איז געווען איינער פון די גרינדער און בויער פון דער סאָציאַליסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף“ ער איז אויך געווען אַ מיטבויער פון די יידישע וועלטלעכע שולן אין פוילן און פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע.

חבר האָדעס איז געווען אַ טאַלאַנטפולער פּובליציסט. ער האָט פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקן סטיל און אַ רייכע יידישע שפּראַך. נאָך אין 1920, איז ער געווען רעדאַקטאָר פון דער בונדישער אויסגאַבע אין ליטע, „די צייט“. ער איז נאָכהער געווען לאַנגיאָריקער מיט־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־צייטונג“ אין וואַרשע און שפּעטער פון „אונזער צייט“, אין ניו־יאָרק.

אין אַמעריקע איז ער ליידער געווען אַ לענגערע צייט שווער קראַנק, קרוב צו צען יאָר איז ער געווען צוגעשמידט צום בעט און צו דער שטוב, און ער האָט נישט געקאָנט זיך אַזוי אַקטיוו, ווי ער האָט געוואָלט, באַטייליקן זיך אין דער פּראַקטישער אַרבעט פון דער בונדישער באַוועגונג. קראַנקערהייט האָט ער נאָך באַוויזן צו באַטייליקן זיך אין דער ערשטער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ.

ער האָט אָבער ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבן, געלעבט מיט דעם בונד. חבר לייוויק האָדעס איז געווען, צוזאַמען מיט די פאַרשטאָרבענע חברים כמורנער און חיים וואַסער, איינער פון די הויפּטפירער פון דער לינקער, א. ג. „צווייער“ ריכטונג אין „בונד“, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע שטעלונג אין אַ רייע פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק. צוזאַמען מיט אַלע „צווייער“ איז ער אָפּט געווען אין דער מינדערהייט אין „בונד“, דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט אָפּצוהיטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע איינהייט און צו בלייבן געטריי דער בונדישער באַוועגונג.

אַ באַשיידענער און גוטער מענטש אין זיין פּערזענלעכן לעבן האָט ער געוועקט צו זיך ליבע און דרך ארץ ביי אַלע, וואָס האָבן אים געקענט.

זיין טויט איז אַ שווערע אבידה פאַר זיינע פריינט און פאַר דער בונדישער באַוועגונג.

כבוד זיין אָנדענק.

גבריאל ווייסמאַן

# „פון חדר און „שקאָלעס" ביז צישאָ"

ה. ש. קאַזדאַן: „פון חדר און „שקאָלעס" ביז צישאָ". אַרויסגעגעבן דורכן „שלמה מענדלסאָן פאָנד" ביי דער געז. פאַר קולטור און הילף. מעקסיקע, 1956. 455 זייטן. מיט אַ הקדמה פון ד"ר י. שאַצקי ז"ל.

אין דער יידישער קולטור־וועלט איז ה. ש. קאַזדאַן באַקאַנט ווי אַ פעסטער זייל פאַר יידיש: פעדאַגאָג, טעאָרעטיקער, עסייאיסט, ערודיט און טיפער יידיש־קענער. אין דער פאָליטישער וועלט איז ער אויך באַקאַנט ווי אַ סאָציאַליסט, אַ בונדיסט.

ביז נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע געלעבט אין זיין געבוירנשטאָט כערסאָן (אוקראַינע). סוף 1920 קומט ער קיין פוילן.

האָבנדיק הינטער זיך אַ לאַנגיאָריקע דערפאַרונג פון אַן ערנסטן שולטוער און קולטור־טעאָרעטיקער, ווערט ער באַשטימט אויפן הויכן אַמט פון אָנפירער פון פעדאַגאָגישן ראַט ביי דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע. און הגם ער פאַרנעמט דעם העכסטן אַמט אין דער שול־היעראַרכיע און איז פאַרוואָרפן ביז איבערן קאָפּ מיט אַרבעט: זיצונגען פלענער, רעפעראַטן, לערן־ביכער, כרעסטאָמאַטיעס, עסייען, געפינט ער נאָך צייט אויף אַריינצוכאַפּן זיך אין אַ קלאַס אויף אַ לעקציע. קאַזדאַן האַלט, אַז כדי אויפצוהייבן דאָס יידישע לעבן, דאַרף מען אָנהייבן ביים קינד, ביי דער שול. דורך אָט דעם קאַנאַל האָט קאַזדאַן טאַקע אַריינגעברענגט אַ סך גייסטיקע פרישקייט, אַ סך מאָראַלישע און עטישע ווערטן אינעם יידישן לעבן.

אויך אין אַמעריקע, ווו קאַזדאַן געפינט זיך זינט דער לעצטער מלחמה טראָגט ער אַ סך צו צום דאָרטיקן יידישן קולטור־לעבן: שטעלט צונויף כרעסטאָמאַטיעס, גראַמאַטיקס, עסייען, אַ וואָגיק בוך א. נ. „מעטאָדיק פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור" און — איז ביזן היינטיקן טאָג אַ לערער אין די אַרבעטער־רינג־שולן אין ניו־יאָרק.

⁂

ה. ש. קאַזדאַנס בוך „פון חדר און „שקאָלעס" ביז צישאָ" איז אַ זאַמלונג פון היסטאָרישע עסייען, וואָס נעמען אַרום 150 יאָר קולטור־געשיכטע פון רוסלענדישן יידנטום. אין דער דאָזיקער געשיכטע, וואָס ציט זיך פון אלכסנדר דעם ערשטן ביז די צישאָ־שולן אין פוילן, ברענגט דער מחבר אַרויס דעם גרויסן געראַנגל און קאַמף פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין רוסלאַנד פאַר שול, שפּראַך און קולטור.

פון דעם גרויסן שלל אויסגענוצטע מאַטעריאַלן איז ניכר, אַז דער מחבר איז געווען גוט אונטערגעגאַרטלט ביים אָנשרייבן דאָס דאָזיקע בוך — ער האָט במשך פון קנאַפּע 20 יאָר געפאָרשט און פאַרצייכנט, געזוכט און גענישטערט איבער די פאַרשיידענע ביבליאָטעקן און אַרכיוון. ער האָט, בכן, אויסגענוצט אַלע פאַראַנענע מקורים און אויך דאָס, וואָס עס קוואַלט־אַרויס פון אייגענעם זכרון. וואָס פאַראַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג האָט זיך דאָס געפאָדערט, כדי אַרויסצוקריגן דעם דאָזיקן קאָלאָסאַלן מאַטעריאַל.

אין דעם ערשטן קאַפּיטל שטעלט זיך דער מחבר אָפּ אויף די דריי צעטיילונגען פון פוילן, וואָס אין רעזולטאַט דערפון האָט דאָס צאַרישע רוסלאַנד באַקומען אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג און צוזאַמען מיט דעם געירשנט פון פוילן די „יידן־פראַגע" און באַזונדערס די יידישע בילדונגס־פראַגע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן רעפאָרמען, פּראָיעקטן און פּלענער ווי אַזוי צו פאַרענטפערן די יידן־פראַגע. צווישן אַ סך אַנדערע איז געווען אַ פּראָיעקט פונעם דעקאַבריסטישן רוסישן דיכטער דיערזשאַווין וועגן נייטן יידן אַראָפּצוואַרפן פון זיך די יידישע קליידונג און שרייבן אַלע געשעפטס־פּאַפּירן אויף רוסיש, פויליש אָדער דייטש; יידישע קינדער זאָלן לערנען ביי מלמדים נישט מער ווי ביז 12 יאָר, נאָך דעם זאָל מען זיי אָפּגעבן אין קריסטלעכע שולן. ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין אויפגעקומענע יידישע אינטעליגענטן, משכילים און רייכע סוחרים, וועלכע האָבן זיך משתדל געווען ביי דער מאַכט וועגן פאַרשידענע אַסימילאַטאָרישע בילדונגס־פּראָיעקטן. דאָס זענען אָבער על פּי רוב געווען אַזעלכע שתדלנים, וואָס זיי איז ווייניק־וואָס אָנגעגאַנגען דער געראַנגל פונעם יידישן פאָלק, נאָר זיי האָבן דער עיקר געטראַכט וועגן זייערע אינטערעסן, וועגן בילדונג פאַר זייערע קינדער. ווייל אין דעם דיפּלאָם פון דער גימנאַזיע און אוניווערסיטעט האָבן זיי געזען דאָס זיכערע מיטל צו רעכט, און אויך אַ סגולה פאַר ...פּרנסה. זיי, די אייבערשטע פון שטייסל האָבן פאַר יעדן פּרייז געשטרעבט אַז „די רוסישע געזעלשאַפט זאָל אָנערקענען כאָטש פאַר איינצלנע פאָרשטייערס פון יידנטום אין רוסלאַנד די רעכט פון האַלטן זיך פאַר און צו רופן זיך רוסן".

מיט דאָקומענטן אין האַנט באַווייזט אונז ה. ש. קאַזדאַן די פאַרעטערישע ראָל פון דער דעמאָלטיקער יידישער בורזשואַזיע און אינטעליגענטן, וואָס אין זייער באַגער אויסצומישן זיך מיט די רוסן, זענען זיי דערגאַנגען צו אַזאַ שפלות, אַז זיי האָבן זיך נישט באַטראַכט ווי זין פון אַ פאָלק, נאָר ווי פון עפּעס אַ שבט. אָט ליגט פאַר אונז אַ ביטע, וואָס אַ גרופּע יידישע צוהערער פון דער מעדיצין־כירורגישער אַקאַדעמיע האָט דערלאַנגט אין אָנהייב פון 1856 — און דאָס איז שוין געווען די צייט פון אלכסנדר דעם צווייטן, „ווען עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט „פרילינג", וואָס לייענט זיך אַזוי: „מיר נעמען זיך די העזה צו בעטן אונזער פאָטערלעכע רעגירונג, זי זאָל נישט צונויפמישן אונז... מיט דער מאַסע פון אונזער אומגליקלעכן שבט" (זייט 67). מיט אַכט יאָר שפּעטער האָבן זיך 15 יידישע סוחרים משתדל געווען, אַז יידן זאָלן מעגן האַלטן קריסטלעכע דינערשאַפט. זיי האָבן דאָס מאָטיווירט מיט „מאָראַלישע טעמים": „ווען די קינדער וועלן פון וויג אָן האָבן אַ רוסישע גוווערנאַנטקע אָדער ניאַניע, וועלן זיי פון קליינווייז אויף זיך צופּאַסן צום ריכטיקן אַקצענט אין דער רוסישער שפּראַך, זיי זאָלן איבערנעמען אַלע רוסישע מנהגים און איינזאַפּן אין זיך די פאָלקסלידער און דאָס פאָלקסטימלעכע, אַזוי אַז די יוגנט אונזערע וועט שוין שפּעטער זיך אין גאַנצן באַהעפטן אין אַלץ און מיט אַלץ וואָס איז רוסיש" (זייט 68).

ה. ש. קאַזדאַן שטעלט זיך אָפּ אויפן „יידן־סטאַטוט", וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1804, וואָס דער ערשטער פּונקט לייענט זיך אַזוי: „אַלע קינדער פון יידן מעג מען אָננעמען און לערנען אָן שום אונטערשיד פון אַנדערע קינדער, אין אַלע רוסלענדער שולן, גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן".

אין פלוג גענומען האָט דאָך אַזאַ סטאַטוט, וואָס עפנט ברייט די טירן פון בילדונג פאַרן רוסישן יידנטום געדאַרפט אַרויסרופן פרייד. איז עס אָבער נישט אַזוי געווען. פאַרקערט: יידן האָבן געזען אין דעם אַ שווערע גזירה, מחמת דער דאָזיקער דעקרעט איז געווען באַגלייט מיט נייע שווערע באַגרענעצונגען פאַר יידן. לויט דעם נייעם געזעץ זענען זעכציק טויזנט יידישע משפחות — כמעט אַ האַלבער מיליאָן נפשות — געווען פאַרמשפּט אַרויסגעטריבן צו ווערן פון דאָרף. עס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האַגל פון גזירות, רדיפות און נגישות, וועלכע האָבן דערפירט די יידישע באַפעלקערונג צו הונגער און מגפות. צו די גירושים און עקאָנאָמישע רעפּרעסיעס זענען אויך צוגעקומען דעקרעטן וועגן צוואַנג־בילדונג פאַר יידן: צוערשט די „אַלגעמיינע מלוכה־שולן" און שפּעטער — ספּעציעלע שולן פאַר יידישע קינדער אונטערן נאָמען „קאַזיאָנע שולן", וועלכע זענען אויסן געווען צו רוסיפיצירן די יידישע יוגנט.

די איינציקע וואָס האָבן אונטערגעשטיצט די „בילדונג בגוואַלד" זענען געווען די משכילים. פאַרן פּרייז פון דער־אָ „בילדונג" — אין וועלכער זיי האָבן געוואָלט זען די גייסטיקע עמאַנציפּאַציע פון די רוסישע יידן — האָבן זיי בלינד מיטגעמאַכט די רעגירונגס־שפּיל, ד. ה. — פּאַקטיש צוגעהאָלפן דער רעגירונג אַדורכצופירן די רוסיפיקאַציע־פּלענער. צו דעם צוועק זענען פיל פון זיי געוואָרן לערער אין די פאַרשיידענע טיפּן „שקאָלעס".

דאָס פאָלק האָט אָבער פיינט געהאַט די דאָזיקע משכילים־לערער, ווייל הינטער זייערע פּלייצעס האָט די מאַסע געפילט דעם כוח פון פאַרהאַסטן פּריסטאַוו. און דאָס אַליין וואָס ניקאָלאַי דער שמייסער האָט געשטיצט די השכלה, איז שוין ביי די יידישע מאַסן געווען דער שטאַרקסטער אַרגומענט קעגן איר. נאָך דערצו — די השכלה האָט צוגעצויגן די יונגע זינדלעך פון די גבירים, מיט וועמען דער סאָציאַלער קאַמף איז צו יענער צייט פאַרשאַרפט געוואָרן. ס'האָט זיך, בכן, געשאַפן אַ ברייטע שער צווישן דער פאָלקס־מאַסע און די משכילים.

און דאָ האָט זיך נאָך אונטערגערוקט דער שמד, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ געוויסן טייל פון די פּעטערבורגער יידן־רעפאָרמאַטאָרן. דעם דאָזיקן שמד־אַרגומענט האָבן די אָרטאָדאָקסן געשיקט אויסגענוצט אויף צו טייטלען מיט די פינגער: אָט צו וואָס עס פירן בכלל וועלטלעכע קענטענישן...

דאָס אַלץ צוזאַמען האָט גורם געווען, אַז דער פּשוטער פאָלקס־מענטש זאָל זיך באַציען מיט אומצוטרוי און חשד צו די אַלע „שקאָלעס" און צו קלאַמערן זיך מיט אַלע כוחות אינעם אַלטן לעבנשטייגער מיט דער טראַדיציאָנעלער יידישער דערציונג — אינעם חדר.

אין רעזולטאַט פון דעם פאָלקס־ווידערשטאַנד האָט די קאַזיאָנע שול כמעט ווי געפּוסטעוועט און סוף כל סוף געמוזט פּלאַצן. דער חדר איז, אַזוי אַרום, געבליבן אויף אַ געוויסער צייט דער איינציקער לערן־אַנשטאַלט פאַר יידישע קינדער. פאַרשפּילט האָט דער חדר ערשט דאַן, ווען ער איז געקומען אין קאָנפליקט מיט יידישער וועלטלעכקייט, וואָס האָט זיך אַריינ־

געריסן אין יידישן לעבן. אַ וועלטלעכקייט, וואָס האָט געקעמפט קעגן קלער און קעגן אַסימילאַציע.

ה. ש. קאַזדאַן ברענגט אונז דאָ אַ פּלאַסטיש בילד וועגן אַלטן חדר — זיין נעגאַטיווער און פּאָזיטיווער ראָל אינעם יידישן לעבן. אויב די משכילים האָבן געזען אינעם חדר בלויז פינצטערניש, ברענגט אונז קאַזדאַן, דער בויער פון וועלטלעכן יידישן שול־וועזן, אַרויס אַ שטיק ליכט פון דאָרטן: פאָלקסטימלעכקייט און אידעאַליסטישקייט סיי פון די מלמדים און סיי פון די באַהעלפער.

אַ שטאַרקער אַנגריף — סיי דורך דער רעגירונג און סיי דורך די משכילים — איז אָנגעגאַנגען קעגן חדר. די רעגירונג האָט נאָך אַלץ נישט שלום געמאַכט מיט איר דורכפאַל מיט דער קאַזיאָנער שול און זי האָט געפרוווט איר מזל מיט אַנדערע טיפּן „שקאָלעס": „גראַמאַטע־שולן" — אין יאָר 1864 — „אָנפאַנג־שולן", „צוגאָב־קורסן" — אַלץ שולן, וואָס האָבן געזאָלט ווערן דער אינסטרומענט פון מאַסן־רוסיפיקאַציע. די אַלע באַמיאונגען האָבן אָבער ווייניק־וואָס געהאָלפן — דאָס פאָלק האָט עקשנותדיק סאַבאָטירט אויך די נייע שולן.

אויף דער יידישער גאַס האָט זיך צוביסלעך פאַרפעסטיקט אַ מיטל־שטאַנד, אַ שיכט בעלי־מלאכות און קליינע סוחרים, און דאָס האָט אַרויס־גערופן צום לעבן אויך אַ נייעם טיפּ נאַציאָנאַלע פאָלקסטימלעכע אינטע־ליגענץ, מיט אַן אָפן אויער די נויטן און שטימונגען פון דער מאַסע און מיט אַ פּאָזיטיווער באַציאונג צו יידיש און צו פאָלקס־דערציאונג.

די דאָזיקע באַציאונג זייערע האָט זיך אָנהייב די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט — קאָנקרעט גענומען אויסדרוקן אין גרינדן גאַנץ נייע טיפּן שולן, ווי: „שבת־שולן", „אָוונט־שולן", וווּ מען זאָל לערנען לייענען און שרייבן יידיש. די רעגירונג האָט אָבער קעגן די שולן אָנגעוואָנדן פאַרשידענע רעפּרעסיעס און שיקאַנעס ביז זי האָט זיי צוביסלעך ליקווי־דירט. ס'איז אָבער שוין אוממעגלעך געווען צו צעברעכן דעם אייזערנעם ווילן פון די פאָלקס־מאַסן צו לערנען אין זייער שפּראַך — יידיש.

דער מחבר ברענגט דאָ אַרויס, אין ליכט פון היסטאָרישע פאַקטן, דעם שווערן געראַנגל און די אַלע היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס יידיש־לשון האָט אַלץ אַדורכגעמאַכט. מיר זעען, אַזוי אַרום, די אַלע שטרויכלונגען און דעם גאַנצן באַרג־אַרויף וועג, וואָס האָט געפירט פון די שבת־שולן, אָוונט־שול, חדר־מתוקן ביז די ציש״אָ־שולן אין פּוילן.

ח. ש. קאַזדאַן שטעלט זיך ברייט אָפּ אויפן חדר־מתוקן, וואָס איז אויפ־געקומען אין סוף פון די 80־ער יאָרן דורכן יידישן מיטלשטאַנד. דער דאָזיקער רעפאָרמירטער חדר־מתוקן איז, אין פאַרגלייך מיט דעם אַלטן חדר און תלמוד־תורה, געווען מער מאָדערן, פּראָגרעסיוו און אייראָפּעאיש. אָבער ביי די יידישע מאַסן האָט ער נישט נושא חן געווען צוליב דער אַרויפגעצוווּנגענער העברעאישער שפּראַך. דאָס פאָלק האָט זיך כסדר גע־ווערט קעגן יעדער אַרויפגעצוווּנגענער שפּראַך און געקעמפט פאַר דעם, אַז אין די שולן זאָל מען לערנען אויף זייער גערעדט לשון — יידיש.

ערשט ווען די פּיאָנערן פון „בונד" האָבן — אין יאָר 1895 — גע־שאַפן די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" איז שוין דער גורל און די דערוואַקסונג פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור געווען היסטאָריש באַשטימט. דער „בונד" ווערט אַ מעכטיקער פאַקטאָר סיי קעגן די געטאָ־קנעכטשאַפט, סיי קעגן דער אַסימילאַציע.

צווישן די איינשטעלערס פאַר יידיש טרעפן מיר אויך די אַמאָליקע „שרייבער" די ערשטע לערער פון יידישער קאַליגראַפיע, ד. ה. — די, וועלכע האָבן געעפנט אין אַמאָליקן שטעטל דאָס פענצטער צו יידיש־לאַנד; אַ רייע אָנגעזעענע קולטור־טוער און שרייבער, ווי: שמעון דובנאָוו, אברהם רייזען, י. ל. פּרץ, יעקב דינעזאָן, וולאַדימיר מעדעם, נח מישקאָווסקי, שמואל ניגער און פיל אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געהאָלפן אויס־טראָגן, פאָרמירן און דערהייבן יידיש צו דער מדרגה פון אַ וועלט־שפּראַך. צו דער מדרגה פון אַ שיינער, קאָלירפולער וועלטלעכער ליטעראַטור.

ח. ש. קאַזדאַן איז איינער פון די, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ סך חשיבות און ווערטן אין דער יידישער שפּראַך; ער האָט אַ סך אויסגעטראָגן און נאָך מער ביי־געטראָגן צו דער פאַרווירקלעכונג פונעם רענעסאַנס פון יידישן קולטור־לעבן. דער לייענער פילט, אַז „פון חדר און „שקאָלעס" ביז ציש״אָ", איז נישט געשריבן פון אַ זייטיקן, נאָר פון איינעמען וואָס האָט אַליין מיטגעמאַכט אַ שטיק פון דעם, וואָס ווערט באַשריבן אין דעם בוך. דער לייענער פילט, אַז פון אונטער אַלע זיינע שורות שלאָגט אַ וואַרעם יידיש האַרץ. דערפאַר לייענט זיך דאָס בוך אַזוי פאַרכאַפּנדיק.

קאַזדאַן פאַרמאָגט אַ גלענצנדן סטיל, אַ סטיל פון מזרח־אייראָפּעאישן שניט און מיט אַ באַזונדערער פשטות, וואָס איז דערהויבן ביז צו קלאַסישקייט. דריקט ער אויס זיינע געדאַנקען און פאָרמולירונגען.

„פון חדר און „שקאָלעס" ביז ציש״אָ" איז אַ וווּנדערבאַר בוך, וואָס גיט צו מוט און שטאַרקט דעם נאַציאָנאַלן געפיל און גלויבן. מיט אַזאַ בוך מעג מען זיך גרויסן.

# ח' נחום וויניק - א בן־ששים

(בריוו פון ח' י. ליפשיץ, יאָהאַנעסבורג)

די יאָהאַנעסבורגער יידישע פאָלקס־שולן האָבן איינגעאָרדנט אַ פייערונג צום 60סטן געבוירן טאָג פון איר גרינדער־פּיאָנער און אומדערמידלעכן טוער — אונזער אַלעמענס באַליבטן — חבר נחום וויניק.

דער יום־טוב האָט אויך געהערט צו אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע ח' וויניק איז דער טעטיקסטער מיטגליד.

פריער פון אַלעמען — די בונדישע גרופּע. פאַר איר איז עס געווען אַ דאָפּלטע פייערונג: ערשטנס זיין 60סטער געבוירן־טאָג און צווייטנס, איז עס זיין 40טער יאָר אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, וועלכע ער האָט אָנגעפאַנגען אין זיין שטאָט כעלם אין דער בונדישער באַוועגונג.

קומענדיק קיין דרום־אַפריקע מיט אַ 27 יאָר צוריק האָט ער זיך גלייך גענומען צו אָרגאַניזירן אַ בונדישע הילפסגרופּע אין יאָהאַנעסבורג. אָבער, ח' וויניקס ווילן צו אַרבעט האָט זיך ווייט נישט געקאָנט באַגרענעצן בלויז מיט הילף־אַרבעט. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער היגער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. פון דאַן אָן האָט ער נישט איבער־געריסן די אַרבעט אויף קיין איין טאָג. זיין אַרבעטס־פעלד האָט זיך מיט יעדן יאָר פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט. ער פאַרנעמט היינט צו טאָג דעם ערשטן אָרט אין יעדער פּראָגרעסיוו־קולטורעלער אַרבעט אויף דער היגער יידישער גאַס: ווי די 2 יידישע פאָלקס־שולן און די 2 קינדער־גערטנער ביי די שולן, די יידישע קולטור־פעדעראַציע און איר חודש־זשורנאַל „דרום־אַפריקע", די כעלמער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע האָט אַרויס־געגעבן אַ יזכור־בוך, אין וועלכן ח' וויניק האָט גענומען אַ זייער אַקטיוון אָנטייל, דער פּוילישער קלוב, וועלכער האָט געשאַפן אַ מאָנומענט־קאָמיטעט און גייט אָנוועקשטעלן אַ דענקמאָל נאָך די 6 מיליאָן אומגעבראַכטע יידן. ער איז אַ מיטגליד אין היגן באָאַרד־אָוו־דעפּיוטיס און אַ מיטגליד אין דער עקזעקוטיווע פון באָאַרד, וווּ ער ווערט זייער געאַכטעט. ער נעמט אַן אומגעהויער וויכטיקן אָנטייל אין פאַראיינטיקן געזעלשאַפטלעכן פאָנד, וואָס אַ דאַנק ח' וויניקס אַרבעט ווערן דורכן פאָנד אויסגעהאַלטן די 2 יידישע פאָלקס־שולן, ווי אויך די יידישע קולטור־פעדעראַציע.

ער איז דער, וואָס אַ דאַנק אים איז איינגעפירט געוואָרן, אַז אויף די מיטינגען פון באָאַרד זאָל גערעדט ווערן אויך אין יידיש, וואָס ביז אים האָט זיך דאָס נישט פּראַקטיצירט. ער האָט אויך געענדערט די באַציאונג צו יידיש מצד דעם באָאַרד, זי זאָל זיין אַ פּאָזיטיווע.

מען דאַרף אויך אונטערשטרייכן, אַז די אַלע געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען זענען אים דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק זיין פרוי שעווע. איר פּראַקטישער הילף און לאָיאַלער באַציאונג צו זיין אַרבעט, אירע קליינע פּערזענלעכע פאַרלאַנגען, און איבערהויפּט איר פאַרשטענדעניש פאַר דער נויטווענדיקייט פון דער עקזיסטענץ פון אונזערע קולטור־אינסטיטוציעס האָבן אים געהאָלפן אָפּצוגעבן אַזוי פיל צייט פאַר דער אַרבעט.

די אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס האָבן אָנטיילגענומען אין דעם שיין־איינגעאָרדנטן אָוונט אין זאַל פון דער יידישער פאָלקס־שול. דער זאַל איז געווען איבערפולט מיט זיינע נאָענטע געזעלשאַפטלעכע פריינד, וועלכע זענען געקומען אים אָפּגעבן אָנערקענונג פאַר זיין אַרעבט.

ער איז האַרציק באַגריסט געוואָרן און אַלע האָבן אים אויפריכטיק געווונטשן מיט זיין פרוי ווערטער „זאָל ער זיין געזונט און טאָן זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט".

די בונדישע גרופּע אין יאָהאַנעסבורג

**י. ליפשיץ**

---

די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל, דער אַרבעטער־רינג, די פראַנץ קורסקי־ביבליאָטעק און די רעדאַקציע „לעבנס־פראַגן" שיקן איבער

**דעם חבר נחום וויניק און זיין פרוי**

די גליקלעכסטע ווינטשן צו זיין 60סטן געבוירן־טאָג.

---

## דערקלערונג

דערמיט זענען מיר מודיע אונזערע חברים, אַז די באַדויערנס־ווערטע מיספאַרשטענדעניש, וואָס איז אַנטשטאַנען צווישן אונז און די ח״ח יאקוב און געניאַ רינקעוויטש איז ענדלעך באַזייטיקט געוואָרן.

מיר באַגריסן די ח״ח רינקעוויטש צו זייער צוריקקער צו אַקטיווער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

**לאַנד־קאָמיטעט**
**פון דער בונדישער ארגאניזאציע**
**אין ישראל**

# פון ארגאניזאציאנעלן לעבן

✶ דער 3־טער פאָליטיש־ליטעראַרישער אָוונט איז פאָרגעקומען דינסטיק „רינג" איינגעאָרדנט געוואָרן דער צווייטער פאָליטיש־ליטעראַרישער אָוונט.

דער אָוונט איז באַשטאַנען פון אַן אינהאַלטסרייכן פאָליטישן איבערזיכט פונעם חבר י. אַרטוסקי און דער שרייבער יצחק פערלאָוו האָט געלייענט גרעסערע פראַגמענטן פון זיין נאָך נישט דערשינענעם בוך „די מאָגערע קי".

די געלייענטע פראַגמענטן, וועלכע האָבן געשילדערט אַ רייע טראַגיקאָמישע איבערלעבונגען אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן אַנטפּלעקט אַ נייעם זשאַנער אין פערלאָווס שאַפן. און זענען אויסגעהערט געוואָרן מיט זייער פיל אינטערעס.

✶ דער 3־טער פאָליטיש־ליטעראַרישער אָוונט איז פאָרגעקומען דינסטיק דעם 19טן פעברואַר מיט דער באַטייליקונג פון חבר פסח בורשטין, וועלכער האָט געגעבן אַ פּאָליטישן איבערזיכט פון די לעצטע געשעענישן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. חבר א. ש. שטיין האָט געגעבן אַ רעפעראַט וועגן דער פאַלשער משיחישער באַוועגונג (200 יאָר פראַנקיזם). צוליב זיין רייכן אינהאַלט האָט דער רעפעראַט נישט געקאָנט אויסגעשעפּט ווערן און איז דעריבער פאָרגעזעצט געוואָרן אין דעם פאָליטיש־ליטעראַרישן אָוונט פון 5־טן מערץ.

צוזאַמען זענען פאַר דער צייט פאָרגעקומען 6 פאָליטיש־ליטעראַרישע אָוונטס. נאָכן 1טן מאַי וועלן זיי ווידער פאָרגעזעצט ווערן.

✶ שבת דעם 2טן און 9טן מערץ זענען פאָרגעקומען צוויי פּאַרטייפאַרזאַמלונגען ווו עס זענען דיסקוטירט געוואָרן אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען פון לאַנד.

✶ דעם 23טן פעברואַר איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער פראַנץ קורסקי־ביליאָטעק אַ פייערלעכע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אַ „סקיפ"־אָרגאַניזאַציע אין ישראל.

פאַר די סקיפּיסטן איז רעפערירט געוואָרן וועגן די צילן און אויפגאַבן פון „סקיפ". נאָכן אָפיציעלן טייל איז פאַר די סקיפּיסטן געוויזן געוואָרן אַ פילם. אויף דער גרינדונגס פאַרזאַמלונג איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן אַ „סקיפ"־ראַט אין באַשטאַנד פון פינף קינדער, וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג, זיך קאָנסטיטואירט און אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פון ווייטערדיקע טעטיקייט.

✶ שבת דעם 30טן מערץ איז פאָרגעקומען דער ערשטער נאָרמאַלער „סקיפ"־קרייז מיט אַ שמועס וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד פון חבר מאָטל קושניר. נאָכן שמועס האָבן די קינדער באַזוכט די „פּאַנאָראַמאַ".

✶ שבת דעם 16טן מערץ איז דורכן תל־אביבער „אַרבעטער־רינג" איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פורים־אָוונט מיט אַ רייכן אַרטיסטיש־קינסטלערישן פּראָגראַם אויסגעפירט דורכן באַקאַנטן אַרטיסט און פאָלקס־זינגער שמעון אָסאָוויצקי און בעלא באָטווינִיק, ביים קלאַוויר האָט געשפּילט די פּיאַניסטין קלאַראַ שטערנג. דער פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון יידישע פאָלקס־לידער און רעציטאַציעס.

✶ דעם 23טן מערץ האָט די יידישע נאָכמיטאָג־שול ביים „אַרבעטער־רינג" איינגעאָרדנט אַ פורים־פאַרשטעלונג פאַר די עלטערן און געסט. די קינדער האָבן די עלטערן מהנה געווען מיט אַ רייכן פּראָגראַם. באַטייליקט האָבן זיך די קינדער פון ביידע קלאַסן.

ס'איז באמת געווען אַ נחת צו הערן ווי ספרדישע און תימנישע קינדער האָבן געזונגען און רעציטירט יידישע לידער.

✶ אין שייכות מיט דעם, וואָס אַ גרעסערע גרופּע חברים, לעצטנס געקומענע האָבן זיך באַזעצט אין באר־שבע איז דאָרט אויפגעשטעלט געוואָרן אַ בונדישע גרופּע. וועגן די צילן און אויפגאַבן פון דער גרופּע האָט רעפערירט חבר מאָטל קושניר פון תל־אביב.

די גרופּע אין באר־שבע האָט באַשלאָסן אָנצוקצושטעלן אַן אָפּטיילונג פון דער פראַנץ קורסקי־ביבליאָטעק, וואָס וועט זיין די איינציקע יידישע ביבליאָטעק אין שטאָט און אויך פאַר אַלע ישובים אין נגב.

✶ אַ בונדישע גרופּע איז אויך געשאַפן געוואָרן אין בת־ים. ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ גרופּע־ראַט וואָס טרעט צו צו דער אַרבעט. וועגן די צילן און אויפגאַבן פון דער גרופּע האָט רעפערירט חבר מאָטל קושניר פון תל־אביב.

✶ די נאָענטסטע טעג ווערט געשאַפן אַ בונדישע גרופּע אין חולון פון די לעצטנס געקומענע חברים.

✶ מאָנטיק דעם 18טן מערץ האָט דער בונדישער אַקטיוו געזעגנט דעם חבר בורשטין פסח — וויצע פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז צוזאַמען מיט זיין פרוי אָוועקגעפאָרן אויף אַ צוויי חדשימדיקן פּריוואַטן באַזוך קיין אַמעריקע.

חבר בורשטיין וועט אויסנוצן זיין באַזוך אין אַמעריקע אויף אַרויסטרעטונגען אין פאַרשידענע קרובה'שע אָרגאַניזאַציעס און דורכן ראַדיאָ, ווו ער וועט זיך באַמיען צו באַקענען מיט דער טעטיקייט פון די בונדיסטן אין ישראל.

## פון בונד־ארכיון פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג א. נ. פון פראנץ קורסקי

די פריינד פון אַרכיוו טוען אַלץ, וואָס איז אין זייערע מעגלעכקייטן צו באַזאָרגן אים מיט פאַרשידענע וויכטיקע מאַטעריאַלן. הונדערטער עקזעמפּלאַרן פון פאַרשידענע אויסגאַבעס פון יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס קומען כסדר אַריין אין אַרכיוו.

צו אונזערע שטענדיקע צושטעלער פון מאַטעריאַלן געהערן די ח"ח משה אַדאָנער, גריגאָרי אַראָנסאָן און ע. ראַבקין פון דער אַמאַלגעמייטער יוניאָן.

מ. דאַוויטש פון פּינסקער ברענטש 210, אַרבעטער רינג, האָט אונז איבערגעגעבן זייער ווערטפולע מאַטעריאַלן פון פּינסק.

ד"ר ל. מ. מישקין פון שיקאַגאָ האָט אונז צוגעשיקט גאָר זעלטענע מאַטעריאַלן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף יענער זייט ים.

אַרנאָלד זיסק האָט אונז געגעבן קאָמפּלעטן־יאָרגענג פון „יוגנט־וועקער" פון פּוילן.

דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע" ש. לינדער, האָט אונז איבערגעגעבן וויכטיקע אויסגאַבעס פון דער יידישער און אַלגעמיינער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

דער אַמעריקאַנער געלערנטער און שריפטשטעלער מ. נאָמאַד האָט באַרייכערט אונזער אַרכיוו מיט עטלעכע צענדליק ווערטפולע ביכער וועגן פאַרשידענע אַרבעטער פּראָבלעמען.

מאַקס שעכטמאַן האָט אונז צוגעשיקט אַ גאַנצע רייע קאָמפּלעטן־יאָרגענג פון פאַרשידענע אַרבעטער זשורנאַלן, וואָס דערשיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פאַר די פאָרשער פון אָט דער באַוועגונג איז דאָס אַן אמתער אוצר.

פאַרשידענע מאַטעריאַלן האָבן מיר אויך באַקומען פון די חברים: לעאָן אָלער, מ. ד. אַלטער, פון ברענטש 611 א. ר. אַשעראָוויטש, דוד בערעזער, איסר גאָלדבערג, יעקב גאָלדשטיין, ש. ווייס, ב. טאַבאַטשינסקי, ה. טאַביאַש, י. טרונק, יעקב לעשצינסקי, נ. ב. מינקאָף, ד. ניימאַרק, לאַזאַר עפּשטיין, ה. פּופּקאָ, א. פיינזילבער, ר. פעדערמאַן, די פרוי פון עזריאל פרעסמאַן, ד"ר י. קיסמאַן, אַלטער קלאַטשקאָ, מלך ראַוויטש, א. ראַפּאַלאָווסקי, ד. שוב, ד"ר מ. שעכטער און ל. שפּיזמאַן.

ב. ניקאָלאַיעווסקי, דער היסטאָריקער פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג האָט איבערגעגעבן דעם אַרכיוו אַרום 100 בונדישע פּראָקלאַמאַציעס אין יידיש און רוסיש און אַ גאַנצע רייע וויכטיקע און זעלטענע אויסגאַבעס פון דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

דער אַרכיוו האָט אויסגעטוישט פאַרשידענע מאַטעריאַלן מיטן יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און מיט דעם יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.

לעצטנס האָט דער אַרכיוו באַקומען אַ גאָר גרויסן אוצר. די פאַמיליע פון פאַרשטאָרבענעם חבר ד"ר יצחק נחמן שטיינבערג האָט איבערגעגעבן דעם אַרכיוו אַ גרויסע צאָל ווערטפולע מאַטעריאַלן, וואָס זענען געבליבן נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם און אויך עטלעכע הונדערט ביכער, זשורנאַלן און צייטשריפטן אין יידיש, העברעאיש, רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש. פאַר אונזער אַרכיוו איז דאָס אַ גאָר אָנגעזעענע מתנה.

די פאַרוואַלטונג פון אַרכיוו דריקט אויס דעם וואַרעמסטן דאַנק דער שטיינבערג־משפחה און אַלע חברים, וועלכע העלפן דעם אַרכיוו.

מיר ווענדן זיך צו אַלע אונזערע חברים און פריינט מיט דער בקשה אונז ווייטער צו העלפן זאַמלען מאַטעריאַלן, וואָס זענען נויטיק פאַר אונזער אַרבעט.

---

## „ערשטע שפּראָצונגען"

אין פאַרלאַג פון אונזערע אַרגענטינער חברים „יידבוך" איז דערשינען אַ בוך זכרונות פון לעאָן בערנשטיין, איינער פון די, וואָס זענען געשטאַנען ביים וויגעלע פון „בונד". דאָס בוך הייסט „ערשטע שפּראָצונגען".

אין בוך זענען פאַראַן אַ סך ביאָגראַפישע דאַטעס, אַריינפיר־ווערטער און אַ נאָכוואָרט פון די חברים: ע. נאָוואָגרודזקי, ע. ראַבקין און מ. בערנשטיין.

„ערשטע שפּראָצונגען" האָבן אַ סך בילדער, פּאָרטרעטן און דאָקומענטן פון יענער פּיאָנערן־צייט. דאָס בוך האָט קנאַפּע 300 זייטן און קאָסט אין אַ פּראַכט־איינבונד 3 דאָלאַר חוץ פּאָסט.

„ערשטע שפּראָצונגען" איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון אונזער באַוועגונג. דאָס בוך דערשיינט אין יובל יאָר פון „בונד".

די באַשטעלונגען שיקט אויפן אַדרעס פון ה. קעמפּינסקי, ניו־יאָרק, אַטראַן קולטור הויז 25 איסט 78סטע גאַס נ. י. אָדער דירעקט צום פאַרלאַג „יידבוך" בוענאָס איירעס, אַרגענטינע:

Boulogne Sur Mer 671, Buenos Aires, Argentina

# אין געדענק־טאָג פון די אומגעקומענע קרבנות פון דער היטלער־בעסטיע

## דערמאָנען מיר אונזערע נאָענטסטע:

מיין מוטער רבקה, מיין ברודער שמואל און די שוועסטערן: טאבע, מאניע, רעניע, הינדע און עדזשע.

זלמן קאפלאן פון קאַליש.

---

מיין מוטער גיטל, מיינע ברידער פייוול און נחמיה (אומגעקומען אין די פאַרטיזאַנער־קאַמפן ביי פינסק) און אהרן דוד.

מאשא קאפלאן פון קאַליש.

---

מיין מאַמע צערקע, מיין פרוי און טאָכטער, מרים־גיטל און האלינא, מיינע שוועסטער ליבע און שעווע, מיינע ברידער נח און שמחה.

ישכר אייכנבוים פון וו... שע.

---

מיין מוטער חיה־שרה און מיין פאָטער חיים ברוך.

משה שווארץ, לאָדזש.

---

מיין מוטער בריינע, ברודער נתן און שוועסטערן עלקע און שרה. מיין פרוי רעכל און די קינדער מיינע מרדכי און פייוול.

רויזמאן אליעזר, שעדלעץ.

---

מיין מאַן תנחן קופערשמידט און די טאָכטערביילע און די שוועסטער בראַניע פייגענבוים.

קופערשמידט־פייגענבוים פאלע, וואַרשע.

---

מיין מוטער און פאָטער ציפרה און שמשון, די שוועסטער און ברודער מיאטה און משה.

בעלא און סומער טרוסקאלאסקי.

---

אין טיפן צער דערמאָנען מיר אונזער אומפאַרגעסלעכע פרוי און מוטער.

מ. ד. בייגעלמאן און טעכטער.

---

מיין שוועסטער רויזע, איר מאַן לאזער קעלער און זייער טאָכטער רודה; מיין שוועסטער פעסע לעווקאוויטש און אירע קינדער: רבקה, פריידל, רודה; ברודער גדליה לעווקאוויטש, זיין פרוי חנה און זון מיכאל.

חוה לעווקאוויטש, לאָדזש.

---

אונזער אומגעקומענע משפחה אין וואַרשעווער געטאָ, פאָטער און מוטער אברהם און גיטל, אונזערע שוועסטער און שוואָגער'ס און אונזער ברודער מנחם אהרן אומגעקומען אין אַנטווערפן (בעלגיע).

חיים און משה באבין, תל־אביב—מאָנטעווידעא.

---

איז טיפן צער דערמאָנען מיר די גאַנצע אומגעקומענע משפחה.

ברודער שון שוועסטער

הערש און רחל קרייבשטיין תל־אביב—פאַריז.

---

מיין מוטער שיינדל, די באָבעס: פייגע־רויזע און מלכה און די גאַנצע משפחה.

פערלשטיין יחזקאל, וואַרשע.

---

מיין פרוי מלכה און מיינע קינדער רויזע, מרים און פייגעלע.

דוד ראדאָמסקי

---

מיין פרוי בעלא און די קינדער סאמעק און מארעטשעק; מיין מוטער חיה און פאטער אברהם; די ברידער עזרא, ראובן און שוועסטער רבקה.

קוסקי אליהו פון וואַרשע.

---

מיין גאַנצע אומגעקומענע משפחה.

יצחק לודען פון וואַרשע.

---

מיין זון איציק, מיינע ברידער פולע און איציק מיט די פרויען רבקה און פאלע מיט די קינדער.

כאגער לובע פון לובלין

---

מיין פאטער חיים.

קושניר מאטל, טשענסטאָכאָוו.

---

מיין ברודער יאנקל־משה, מיין שוועסטערן־זון נחמן און שוואָגער בערל (אַרויסגעריסן אין איין טאָג פון איין שטוב און אומגעקומען אין די קאַמפן אין אָסט־באַן).

ריווטשע און מאטל קושניר.

---

מיין טעכטערל רבקה׳לע און פאַמיליע.

שומאן אברהם

---

מיר דערמאנען אונזער גאַנצע משפחה.

פראדל און מאיר זאנענבערג.

---

מיין חנה מיט די קינדער פריידע און נינא, מיין מוטער און שוועסטער

גערצאוויטש אהרן

---

מיין גאַנצע פאַמיליע.

ליכטנשטיין דוד.

---

מיין משפחה, פרוי, קינדער, פאטער, ברודער און אויך די עלטערן פון מיין פרוי פון לאָדזש.

הירשל און בלומע דאבקאווסקי.

---

מיין ליבע פרוי שפרה, מיין שוועסטער צביה און שוואגער יוסף הימלבלוי מיט זייערע צוויי קינדערלעך (פון קמילע פאָדלאָסק) און מיין ברודער משה אין בריסל.

גדליה בראווערמאַן.

---

מאטע און מלכה צעדער, פייגע הענע און מרים הירשמאן.

צעדער מענדל
רבקה צעדער־הירשמאן

---

מיין מוטער און פאָטער, ברידער און שוועסטער און זייערע משפחות

מרדכי ראזענזאפט, לאָדזש.

---

מיין מוטער רחל, מיין פרוי איטקע און די קינדער, מאטעלע און שיינדעלע

יוסף גאלדבערג

---

מיין מאַן משה און מיין טאָכטער ליבע מיט איר מאַן און קינד.
רבקה העלפער

1943 „ברית העבודה — ארבעטער-רינג״ 1957
סאציאליסטישער פארבאנד „בונד״ אין ישראל

# כבוד און רום די העלדישע אויפשטענדלער פון ווארשעווער געטא

באַטייליקט זיך מאַסנווייז אין דער געטאָ־פייערונג, וועלכע קומט פאָר שבת דעם 20טן אַפּריל 7 אָוונט אין לאָקאַל פון דער פראַנץ קורסקי־ביבליאָטעק, תל־אביב, רחוב אהרנסון 25.

אין פראָגראַם: רעדעס און אַ קינסטלערישער געטאָ־פּראָגראַם אויסגעפירט דורך די אַרטיסטן אָסאָוויצקי שמעון, בעלאַ באָטווינ־יק, ביים קלאַוויר זמיר.

קומט מיט אייערע פריינט און באַקאַנטע.

---

ליבער חבר און פריינט **מאיר דוד אלטער** און משפחה.

מיר באַטייליקן זיך אין אייער גרויסן צער צוליבן טויט פון אייער און אונזער אַלעמענס הארציקער און אומפאַרגעסלעכער

**ריווע**

אנשטאט בלומען אויף איר פרישן קבר 10 פונט פאַר אונזערע „לעבנס־פראַגן".

גענינע און יעקב רינקעוויטש — תל־אביב

---

חבר **עלע גאלדפארב** (נאָרהטגן)

דערשיטערט פון דער ידיעה וועגן פלוצימדיקן טראַגישן טויט פון אייער באַליבט טעכטערל

**חוה**

שיקן מיר אייך איבער אונזערע אויסדריקן פון טיפסטן מיט־געפיל.

**י. ארטוסקי**
**י. פערלשטיין**

---

אונזער טיפסטן מיטגעפיל די

ח"ח **צאשניאק אברהם** און **פרוי**

צוליבן טויט פון זייער פאָטער און שווער.

**„ברית העבודה — ארבעטער־רינג" אין ישראל**

---

מיט טיפן צער טרויערן מיר צוליבן טויט פון אונזער אומפאַרגעסלעכן חבר

**בעריש קרעמפעל**

דער פרוי, און די זין אונזער טיפסטן מיטגעפיל.

**ליבע כאגער**
**זלמן קאפלאן**
**יהושע וועלטמאן**
**גרין משה**

---

דעם 17טן אַפּריל 1942 האָט פאַרענדיקט איר יונג בליענד לעבן אונזער פרוי, מוטער און הברטע

**רבקה באביץ** (מיידענבאום)

באַפרייט פון אונטערן סאָוויעטישן רעזשים קאָנען מיר צום ערשטן מאָל, צו איר 15־טן יארצייט, דערמאָנען מיט ליבע און ערע איר הייליקן אָנדענק.

אנשטאט בלומען אויפן פאַרוואַרלאָזטן קבר אין אַסטראַכאַן (רוסלאַנד) 5 פונט פאַר די „לעבנס־פראַגן".

חיים, יוסף און וויערא באביץ, תל־אביב

---

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: תל־אביב, רח' אהרנסון 25
אַדרעס פאַר קאָרעספּאָנדענץ:
„LEBNS FRAGN"
25, Aronson Str. Tel-Aviv — Israel.

---

**סאציאליסטישער פארבאנד „בונד" אין ישראל**
**ברית העבודה — „ארבעטער־רינג" אין ישראל**

זאָל לעבן דער ערשטער מאַי!
זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!
זאָל לעבן דער „בונד"!

## קומט צו דער 1־טער מאַי אקאדעמיע

וועלכע קומט פאָר מיטוואָך דעם 1טן מאַי, 7 אָוונט אין לאָקאַל פון דער פראַנץ קורסקי ביבליאָטעק, תל־אביב, רחוב אהרנסון 25.

אין פראָגראַם: רעדעס און אַ רייכער קינסטלערישער פראָגראַם.

באַטייליקט זיך מאַסנווייז אין דער מאַי־פייערונג.

---

מיר באַגריסן האַרציק אונזערע חברים

**בעלא און חיים קודלאזש**

(פון אַרגענטינע)

צו זייער באַזוך אין לאַנד.

**סאָצ. פאַרבאַנד „בונד" אין ישראל**

---

מיר באַגריסן האַרציק די חברטע

**ריווע בערנשטיין**

צו איר געזונט ווערן.

**„ברית העבודה—ארבעטער־רינג" אין ישראל**

---

**באשטייערונג**

נחמה שקלארסקי (ניו־יאָרק) לכבוד דער חתונה פון איר זון — 18 פונט פאַר דער יידישער נאָכמיטאָג־שול אין תל־אביב.

---

ווער א לייענער פון דער

# פראנץ קורסקי־ביבליאטעק

רחוב אהרנסון 25, תל־אביב

## גרעסטער אויסוואַל פון יידישע ביכער

אַ גרויסער אויסוואַל פון ביכער אין עברית און פויליש.

## ביליקער חודש־אפצאל

די ביבליאָטעק איז טעטיק יעדן טאָג פון 10 ביז 1 און פון 5 ביז 8. פרייטיק פון 10 ביז 2.

אויפן אַרט אַ לייען־זאַל פון דער יידישער פרעסע אין דער וועלט.

**אַ ספּעציעלע קינדער־אָפּטיילונג א. נ. האַנושאַ וואַסער**

אָפּטיילונגען:

אין חיפה, רחוב יחיאל 4 — טעטיק יעדן טאָג (חוץ פרייטיק און שבת) פון 5 ביז 8 אָוונט.

אין פתח־תקוה, רחוב מונטפיורי 23 — טעטיק זונטיק, דינסטיק און דאָנערשטיק פון 7 ביז 9 אָוונט.

---

חבר און פריינט!

די „לעבנס־פראַגן" ראַנגלען זיך מיט גרויסע פינאַנסיעלע שוועריקייטן. מיר וואַרטן אויף דיין הילף.

**העלף פאַרשפּרייטן דעם זשורנאַל!**
**זאַמל אַבאָנענטן!**
**צאָל איין דיינע חובות!**
**באַשטייער זיך!**

די חובות און באַשטייערונגען קאָנסטו איינצאָלן אין יעדן פּאָסט־אַמט אויף דער טשעק־קאָנטאָ 42142 אויפן נאָמען פון י. אייכנבוים.

---

אין דער לעצטער רגע איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז פרייטיק צונאַכטס דעם 12טן אַפּריל איז אין תל־אביב געשטאָרבן דער באַוווסטער יידישער שרייבער

**יואל מאַסטבוים**

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געזאָלט פייערן זיין 75 יאָריקן געבוירנטאָג.

כבוד זיין אָנדענק.

---

העורך: ב. צלביץ; מו"ל: „ברית העבודה"; המפיץ: דוד טופל ובניו
הדפוס הכללי בע"מ, רח' השוק 26, תל־אביב